STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09336

ALE VERK

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק פון י. ל. פרץ

אינהאַלט פון די 18 בענדער

1) פאָלקסטימלעכע געשיכטן
2) די צייט
3) דראמען
4) אָדם וחוה
5) חסידיש
6) פאר קליין און גרויס
7) בילדער און סקיצן
8) אויפזאצן און פעליעטאָנען
9) אלט און ניי
10) פון שטוב און גאס
11) געדאנקען און אידעען
12) פינף מגילות
13) לידער און באַלאַדן
14) געשיכטן און סצענעס
15) ליטעראטור און לעבן
16) אין מיין ווינקעלע
17) שטעט און שטעטלעך
18) מיינע זכרונות און בריוו

פון פאַרלאַג „יידיש"

דער קליינער און יונגער יידישער אַרגענטינער קיבוץ איז אַ דאַנק דער שווידערלעכער יידן־אויסראָטונג זינט אויגוסט 1939 געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע יידישע ישובים אין דער וועלט. דער יידישער וועלט־חורבן האָט אונדזער ישוב דערהויבן און אים אָנגעטון אַ טראַגישן און גרויסן זכות.

אַ זכות גייט ביי אונדז זייט שטענדיק אָן האַנט ביי האַנט מיט חוב. פאַר דעם גרויסן טראַגישן חוב איז אונזער ישוב אַ סך, אַ סך שולדיק. און פאַרלאַג „יידיש", וואָס איז אין דער פאָרעם אַ פריוואַטע אונטערנעמונג און אין תוך געהער ער צום גאַנצן ישוב, שטרעבט צו באַצאָלן אַ קליינעם טייל פון די חובות, וואָס דער ישוב איז שולדיק.

דורך דעם פארלאג „יידיש" וועט דער אַרגענטינער יידישער ישוב אָנהויבן העלפן אויפבויען דאָס דאָזיקע, וואָס דער שונא האָט חרוב געמאַכט.

און נישט אומזיסט הייבן מיר אָן מיט אונדזערע קלאַסיקער! דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס מענדעלע, פרץ און שלום־עליכם האָבן באַשריבן וועט מען שוין מיט קיין טאַנקען אויך נישט אויסמעקן.

און ווען דער צאָרן וועט זיך ענדיקן און אייראָפּע וועט זיך נעמען באַנייס אויפבויען און מען וועט דאָרט נעמען אויפבויען אויך דעם יידישן שארית הפליטה, וועט דער אַרגענטינער ישוב דורך דעם פאַרלאַג „יידיש" שיקן די ביכער פון די קלאַסיקער פאַר די ערשטע פון סניי אויפגעבויטע יידישע ביבליאָטעקן.

פאַרלאַג „יידיש" הייבט אָן מיט אַלע ווערק פון י. ל. פרץ, ווייל בעצם האָט פרץ געראַטעוועט דאָס מאָדערנע יידישע לעבן פון אַ טריפה, וואָס האָט עס גענומען אַרומכאַפּן פון אַלע זייטן. פרץ איז אַריין אין פייער אַריין פון השכלה און אַסימילאַציע און ער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם סאַמע עיקר פון דער באַדראָטער יידישקייט. די ערשטע ווערק וואָס מען וועט אַריינשטעלן אין אַ באַנייטער יידישער ביבליאָטעק פון אייראָפּע, מוזן זיין פון י. ל. פ ר ץ !

י. ל. פּרץ

אלע ווערק

מיט בילדער, פאַקסימילן, נעקליבענע פערזענלעכע בריוו און
ביאָגראַפישע שטריכן פון יעקב באָטאָשאַנסקי

פאַרלאַג „יידיש"
פון וואָלף ברעסלער און אברהם מיטלבערג
בוענאָס איירעס 1944

דרייצנטער באַנד

לידער און באלאדן

פארלאג ,,יידיש"
בוענאס איירעס
1 9 4 4

PRINTED IN ARGENTINE

I. L. P E R E T Z
Obras Completas
TOMO XIII
"LIDER UN BALADEN"

Editorial y Talleres Gráficos "IDISCH"
Bmé. MITRE 2146 BUENOS AIRES
1 9 4 4

אינהאַלט פון 13־טן באַנד:

ל י ד ע ר

ראַמאַנצעראָ

זייט

טרויער, דריקט אויף מיין נשמה — — — — — — — 13
אוי, מיין לעבן הענגט — — — — — — — — — — — — 13
צי כ'האָב דיך ליב? — — — — — — — — — — — — — 14
געליבטער, טייערער חתן — — — — — — — — — — — 14
די אויגן זענען טרוקן — — — — — — — — — — — — 15
אוי, מיין טאָכטערשי, אוי, טאָכטער־קרוין — — — — 15
מאמעניו, ליובעניו, הארצעניו־קרוין! — — — — — — 16
געליבט האָב'מיר ביידע אמאָל — — — — — — — — — 16
כ'האָב אויסגערייזט אַ האַלבע וועלט — — — — — — 17
עלנט איז ער דאָ געווען — — — — — — — — — — — 18

הומאָר

דער געטער־געשאַנק — — — — — — — — — — — — — 19
אַ תפילה — — — — — — — — — — — — — — — — — 20

ביטערקייט

כ'בין אַ רעגן־וואָרם — — — — — — — — — — — — 22

צייט־געדיכטן

גאָטס חסד — — — — — — — — — — — — — — — — 23
השגחה פרטית — — — — — — — — — — — — — — — 25

זייט

מלכותא דערעא כמלכותא דרקיע — — — — — — — 26
ער און איך — — — — — — — — — — — — — — 28

פון דער אַרבעט

דער נביא — — — — — — — — — — — — — — — 29
מיין נישט — — — — — — — — — — — — — — 30

געמישט

טרייסט — — — — — — — — — — — — — — — 32
פון אַלע זייטן קרייזלט דער ווינט — — — — — — 33
בענקשאַפט און טרויער — — — — — — — — — — 37

באַלאַדן

מאַניש (ניי־באַארבעט) — — — — — — — — — 41
ר׳ יאָסל — — — — — — — — — — — — — — — 57

איבערזעצונגען

פון ביאַליק

זיי מיר גוט — — — — — — — — — — — — — 83
משא נמירוב — — — — — — — — — — — — — — 85
פון איוב — — — — — — — — — — — — — — — 100

קינדער־לידער

מוטער־לידער

קוק, מיין קינדעלע קליין — — — — — — — — — 105
יעדע מוטער — — — — — — — — — — — — — — 107
צו די פיסלעך — — — — — — — — — — — — — 109
אויפהייבנדיק דאָס געפאַלענע קינד — — — — — — 110

זייט

בריטעלע — 110
דער הימל טריפט — "
לערנענדיק גיין — 111
מיטן קינד טאַנצנדיק — "
קלעזמערל — 112
קעלבעלע — 113
קיכעלעך באַקן — 114
דריי ווייסע געגנדז און דאָס שוחטל — "
יאַנקעלע רייט, יאַנקעלע פאָרט, יאַנקעלע גליטשט זיך:
רייט צום פרישטיק — 115
אויפן שטעקן — "
אין שליטן צו די עסקימאָסן — 116
אויפן פערדל פאָרן שלאָף — 117
דאָס הענטל — 119
דער רייטערמאַן — 120
ק ו ק ו — 121

שלאָף-און-וויגן-לידער

אוי, אוי, אוי — 122
דריי ווייבער — "
שטייט אַ ביימעלע — "
אויף די גרינע צווייגעלעך — 123
אליהו הנביא — 124
שלאָף, מיין קינדעלע — 126
קעצעלע שטיל — "
אויף די גרינע צווייגעלעך — 127
צוגעדעקט די פיסעלעך — "
אַ פיינער דופט — 128
ס׳נעסטל ווייך אויסגעבעט — 129
אויפן גרינעם בערגעלע — 130
שטייט אַ בערנבוים — 131

זייט

ליגט א העזעלע אין קרויט — — — — — — — — 131
ווינטער ־ צייט — — — — — — — — — — 132
ביים קראנקן קינד — — — — — — — — — 133

צאַלן, אַלף־בית, רעטענישן

דער טאטע איינס — — — — — — — — — — — 135
אלף, בית, גימל — — — — — — — — — — — „
טאטע־מאמע — — — — — — — — — — — — — „
איינס, צוויי, דריי, פיר — — — — — — — — — 136
10, 20, 30 — — — — — — — — — — — — „
וואס איז שווערער — — — — — — — — — — 138
ל יי ט — — — — — — — — — — — — — „
וויפל טעג — — — — — — — — — — — — „
א טאָג מיט א נאכט — — — — — — — — — — 139

שפּילן

באל־שפּיל — — — — — — — — — — — — 140
בעלעכל, בעלעכל — — — — — — — — — — 141
צינד מיט כוח — — — — — — — — — — — „
צו דער ערד! צו דער ערד! — — — — — — — „
איך צו דיר — — — — — — — — — — — — 142
מיט דער לינקער האנט געקלאפּט — — — — — — „
אויף אלע זייטן — — — — — — — — — — — 143
פלינקער! פלינקער! — — — — — — — — — — 144
סאלדאטן־שפּיל — — — — — — — — — — — 145
אינעם פרישן גרינעם מאי — — — — — — — — 146
באלאגערונג — — — — — — — — — — — — 147
פלעצער כאפּן — — — — — — — — — — — 148
בעקן־ברויט — — — — — — — — — — — — 150
יעגער־און האזן־שפּיל — — — — — — — — — 152
קראנצן פלעכטן — — — — — — — — — — — 155

אַרבעט

זייט

דער סקולפּטאָר — — — — — — — — — — 156
דער סטאָלאר — — — — — — — — — — — „
די וועש — — — — — — — — — — — — 157
דער שמיד — — — — — — — — — — — 158
דער יעגער — — — — — — — — — — — 159
די סוכה — — — — — — — — — — — — 160
דער שיפער — — — — — — — — — — — 163
דאָס גערטל — — — — — — — — — — — 164
אוי, איך וועל א פרייד דערלעבן — — — — — — — „
ווינטער־אָוונטן — — — — — — — — — — 166

לידער און לידלעך

דאָס הינטעלע — — — — — — — — — — 168
די ווינט־מיל — — — — — — — — — — — „
נ א כ ט — — — — — — — — — — — — 169
די רייזע ארום דער וועלט — — — — — — — — „
הארבסט — — — — — — — — — — — — 170
ווינטער — — — — — — — — — — — — 171
אויפן דארן צווייגעלע — — — — — — — — — „
ווינטערמאַן קלאפּט אין טיר — — — — — — — 172
פרילינג — — — — — — — — — — — — 173
גראָזן שפּראָצן — — — — — — — — — — 174
דער פויגל — — — — — — — — — — — „
ציקעלע — — — — — — — — — — — — 175
רעגן — — — — — — — — — — — — — 176
ענטעלעך — — — — — — — — — — — — 177
די בין — — — — — — — — — — — — „
בינעלע, בינעלע, זו, זום, זום! — — — — — — 178
בינעלע, בינעלע, האָניק מאך! — — — — — — „
די טויבן — — — — — — — — — — — — 179

זייט

טויבן און טויבנשלאַק — — — — — — — — — — — — 180
ל"ג בעומר — — — — — — — — — — — — — — 181

לאַך-און שפּאַט-לידער

ווו דאָס מייזל וווינט — — — — — — — — — — — 182
דער פּראָש — — — — — — — — — — — — — — 184
עטעלע — — — — — — — — — — — — — — 185
דער אינדיק און די הינער — — — — — — — — 186
קרייערמאַן און זיין ווייבער־שיל — — — — — — 187
דאָס מייזל אין וואַסערמיל — — — — — — — — 189
קאַץ און מויז — — — — — — — — — — — — 190

פיר צייטן אין יאָר

פרילינג, זומער, האַרבסט, ווינטער (פאַרשטעלונג) — 194

פאַרשידנס

דער טענענבוים אָדער די שבועה — — — — — — 198
א גרוס פון טאַטן — — — — — — — — — — — 199
דער יתומהס בריוועלע — — — — — — — — — — 200



י. ל. פרץ — אין 1890
(אָריגינאַל געשאָנקען פאַר דער פרץ־קאָלעקציע
ביים ייוואָ פון ישעיה מרגליות, לאָדזש)

העלענע פּרץ — אַ פּאָר יאָר נאָך דער חתונה

ראָמאַנצעראָ

1.

טרויער דריקט אויף מיין נשמה,
און דאָס הארץ טוט קלעמען,
כאָטש ער האָט מיר צוגעשווירן,
אז ער וועט מיך נעמען!

טויזנט מאָל מיר צוגעשווירן,
אז ער וועט זיין מיין;
נאָר ס'קלעמט און וויינט דאָס הארץ אין מיר;
ניין, דאָס וועט נישט זיין!

2.

אוי. מיין לעבן הענגט
ביי דיר, ווי אויף א האָר;
שווערסט. צי ווייס איך דען,
אז דו שווערסט מיר וואָר?

נאָר זיי נישט בייז אויף מיר,
די מאַמע מאכט מיך באנג;
אז יעדער מאַנספערזאָן, —
זאָגט זי, — איז א שלאַנג!

3.

צי כ'האָב דיך ליב? אַך, דו מענסט מיר גלייבן,
כ'קאָן נישט לעבן אָן דיר איין מינוט!
צי דו ביסט מיר טייער? טייערער ווי ס'לעבן —
נאָר נעמען — ווייס איך — וועסטו מיך דאָך נישט!

עס דאכט זיך מיר, איך שטיי אינמיטן ים,
איך וועל נישט קומען קיינמאָל צו קיין ברעג!
די ליבע דיינע איז געווען מיט סם,
עס איז מיין רו אויף אייביק שוין אוועק!

4.

געליבטער, טייערער חתן,
מיין רייכטום ווילסטו וויסן?
כ'האָב געהאט א גאָרטן,
פלעג אים פעסט פארשליסן.

נאָר דו ביסט א גנב,
ביסט אריינגעקומען,
און דאָס שענסטע פרילע
פונעם בעסטן צווייגעלע
האָסטו צוגענומען!

5.

די אויגן זענען טרוקן,
עס וויינט דאָס הארץ אין מיר!
אז איך דארף מיך שיידן,
לעבן מיינס, מיט דיר!

דו וועסט מיך פארגעסן —
הער־זשע, וואָס איך רעד:
איך וועל אָן דיר הענגען
לייטן צו געשפּעט!
איך וועל דיך געדענקען
אויפן טויטן־בעט!

און מיין לעצטער אָטעם
וועט דיין נאָמען זיין — — —
צינדערט פּאָר, מיין לעבן,
לאָז מיך דאָ אליין!

6.

— „אוי, טאָכטערשי, אוי, טאָכטער־קרוין,
וואָס וויינסטו אזוי לאנג?
פעלט דיר עסן, טרינקען דען,
צי א שיינער גאנג?"

„אוי, טאָכטערשי, אוי, טאָכטער־קרוין,
מאַך דאָס הארץ דיר גרינג!
עס פעלן קיין חתנים נישט,
אז מ'איז שיין און יונג.

אוי, מאַמעשי, אוי, מאַמע־קרוין,
וואָס העלפן דיינע רייד?
עס וואַקסט פאַר מיר שוין אויף דער וועלט
קיין נחת און קיין פרייד!

טרייסט מיך נישט, עס העלפט שוין מיר
קיין מיטל אין דער נויט —
ווייסוס איז דאָס לעבן מיר,
זיס וועט זיין דער טויט!

7.

— „מאַמעניו, ליובעניו, הארצעניו־קרוין!
(די כלה טוט וויינען און זאָגן:)
גיב מיר די חתונה־קליידער ארויס,
איך וועל זיי באוויינען, באקלאָגן!"

זי האָט די מלבושים מיט טרערן באגאָסן,
איינס נאָכן צווייטן כסדר.
— „מאַמעניו, — זאָגט זי, — צינד נעם און צעטייל
פאַר אָרעמע כלות די קליידער!

„גיב אָרעמע כלות די קליידער אוועק
זאָל ז י י זיין צו מזל, צו גליק,
איינאיינציק חופה־קלייד נעם און צערייס,
און מאך מיר צום הענגען א שטריק!

8.

„עבליט האָבן מירביידע אמאָל —
טאקע ווי רויזן א פּאָר,
און יעדן אָוונט געגלעט
האָב איך די זיידענע האָר.

די איינגעלעך די זיסע געקושט
די ליפּעלעך — קרעלן פון חן,
און יעדן אָוונט געהאלדזט
דעם האלדז פון עלפאנט־ביין!

היינט האָט זי אַן אַנדער מאַן,
גייט מיטן שפּאַצירן און לאַכט,
און איך בין אומגליקלעך בייטאָג,
און ווער שיר משוגע ביינאַכט!

9.

„כ׳האָב אויסגערייזט אַ האַלבע וועלט
און געזוכט אַלץ גליק;
כ׳האָב אַלע גליקן אָפּגעלאָזט
און קום צו דיר צוריק!"

„אוי, מיר העלפן דיינע רייד —
אַ טויטן — מעדיצין!
טויזנגט זעלנער קאָנען נישט,
וואָס אַ מאַמע טון!"

זי האָט געצירנט און געלאַכט,
וואָס איך זיץ און וואַרט!
און געשווירן האָט זי מיר,
אַז דו האָסט גענאַרט!

און געבעטן האָט זי מיך,
געחלשט און געוויינט!
און געשווירן, אַז דו האָסט
ערנסט נישט געמיינט!

און מען האָט מיר צוגעזאָגט
סאַמע גליק און פרייד;
און באַגראָבן האָט מען מיך
לעבעדיקערהייט!

10.

עלנט איז ער דאָ געווען,
עלנט ווי א שטיין;
איינע האָט ער דאָ געהאט
איינע מיך אַליין!

צינדערט, אז ער איז געשטאָרבן,
און איך רעד און לאַך;
איז ער, נעבעך, אָפּגעשטאָרבן
טאקע טויזנט־פאַך!

הומאָר

דער געטער - געשמאַק

דער געשמאַק איז, ווי ביי מענטשן,
ביי די געטער אויך פאַרשידן —
קלינגען גלאָקן אין די קלויסטערס,
איז דער קריסטן־גאָט צופרידן.

„דין־דין־דין" — וויל דער קאַטוילע —
מוזיקאַליש און זאַבאַוונע.
„בים־באַם־באָם! בים־באַם־באָם!"
שטאַרק און גראָב — דער פּראַוואָסלאַוונע.

נאָר אַ זעלטענעם געשמאַק
האָט אַללאַ — דער מאַכמעד,
אַז מען רופט אין שיל אַריין
אויפן גאַניק פון מעטשעט...

אָריגינעל איז דאָך נאָר איינער, —
דער פון קוגל און חרוסת:
ער האָט ליב אַ „שמע ישראל",
וואָס עס כראָפּעט אים אַ גוסס!

אַ תפילה

גאָט, גיב אונדז שוין אונדזער לאַנד,
גרויס כאָטש ווי א גענעץ,
נאָר אונדזערע אָביעזדטשיקעס,
יעגער ביי דער גרענעץ.

גאָט, גיב אונדז שוין א לאַנד,
וויש אָפּ אונדזער טרער!
גיב אונדז אונדזער פּאָליציי,
אונדזער מיליטער!

גאָט, גיב אונדז שוין אונדזער לאַנד,
ווי לאַנג איז דען דער שיר?
גיב קייזער אונדז אליין,
אן אייגענעם סיביר!

גאָט, גיב אונדז שוין אונדזער לאַנד,
גויים צו להכעיס!
לאָמיר אויך שוין זוכה זיין
צו אן עיר נדחת.

לאָז א זקן ממרא זיין
און א פּרה־אדומה...
זאָג אליין, צי בענקסטו נישט
נאָך אן עולה תמימה?

פאשן וועלן מיר דיך מיט רויך,
מיט עולות און מיט זבחים —
פאַרלעגן נאָך אויף אקציעס
א פאבריק מיט שבחים.

ביטערקייט

*   *
*

כ׳בין אַ רעגן־וואָרעם, דו זעסט,
ווי טיף אין בלאָטע כ׳בין באַגראָבן;
דאָך חלומט מיר אַן אָדלער־נעסט,
אָדלער־פליגל וויל איך האָבן!

שווימען וויל איך אין דעם העלן,
הויכן זעפיר אומגעשטערט;
זאָל דער וואָלקן מיר פארשטעלן
נישט דעם ה י מ ל , נאָר די ע ר ד !

צייט־געדיכטן

גאָטס חסד

דו ביסט דאָס רחמנות, דער חסד אליין! —
מען וואָלט אונדז אויף קאַשע צעריבן!
עס וואָלט פונעם שעפּעלע צווישן די וועלף
קיין שריד ופּליט געבליבן!

הונגעריקע זענען און דורשטיק די וועלף —
עס וואָלטן שוין ביינער געלייכטן!
ווען נישט דיין נאָמען, דיין הייליקער נאָמען,
געלויבט זאָל ער זיין און געהייכט!

דיין אייגן שעפּעלע האָסטו געוואָרפן
צווישן די וועלף מיט א תנאי: —
„אַט האָט איר דאָס שעפּעלע, רבותים, און פרעסט
איברים — נאָר — מן החי!

שאַרפט אייך די נעגל און רייסט פון אים פאַסן
מיט ציינער! און בלוט זאָלט איר כליפּען!
נאָר נישט צו טויטן, וועלף, חס־ושלום!
עס מוז אייביק זשיפּען!"

אָ! פאר דעם „אייביק", ווי דאנקט דיר דאָס שעפעלע
שטענדיק — סיי ווינטער, סיי זומער!
וואָס מער מען ציפּט עס, וואָס מער מען רייסט עס,
ווערט עס אלץ הייליקער, פרומער!

און העכער דערהויבט זיך זיין הייליקער „מע!"
ווי דאנק איך דיר, גאָט, אין דער נויט!
ריבונו של עולם, אך! „מע־מע־מע!"
נאָך נישט דערקוילעט אויף טויט!

השגחה פּרטית

„אַ פֿויגל זאָל צום מיטיק זיין!
עס מוז זיין!"
דער קוכער טראַכט,
שטעלט א פאַל פון ציגל אויף
און שלאָפט דורך די נאַכט!

קוים דער מאָרגנשטערן שיינט,
„ציפ־ציפ־ציפ!" שוין אויפן דאַך!
דערוואַכט דאָס פייגעלע און זינגט
גאָט א שירה, גאָט א שבח!

„ציפ־ציפ־ציפ!" עס האָט דערזען!
צווישן ציגל דאָרט אויף דער ערד —
„ציפ־ציפ־ציפ!" גאָט דער גוטער
האָט א פרישטיק אים באַשערט!

און ווי קלוג געלייגט די ציגל
דען דער ווינט וואָלט אַלץ צעיאָגט,
„ציפ־ציפ־ציפ!" גאָט דער גוטער
ווי זיין חכמה שיינט און טאָגט!

„ציפ־ציפ־ציפ"! און פליט ארונטער
גלייך צום אָנגעגרייטן גליק...
דער קוכער שטייט ביים פענצטער גרייט,
שאַרפט דאָס מעסער שוין צום „ביק".

מלכותא דארעא כמלכותא דרקיע

.1

מלכותא דארעא, כמלכותא דרקיע —
אויבן און אונטן איז גלייך
ס'גייען די „דיעלעס" אין בית־דין של מעלה
גאנץ זיכער אויף רוסישער שפראך,
א סודיא איז איינגעשלאָפן
שיכור מן־הסתם.
ווייזט זיך באלד דער פרעדסיעדאטעל.
יא טיע וו'זובי דאם.

.2

קאטקאָוו האָט די גרעסטע דעה,
גבאי אין גן־עדן:
נישטאָ קיין קלעק פון כרתי פלתי
א לעק פון שפּאָלער זיידן.
ס'קומט אריין דער סכיזשער מגיד
צי גאָר דער מהר"ל,
באוויזט זיך באלד דער שר של יוון!
טי קודא נאכאל.

.3

סאמע מאָסקוויטער „סלאוויא"
און מען שפרינגט נאָך „סוויאט".

אליץ פּאַשאַל, נאָר לוט זאָל בלייבן,
מיט אים לעבט מען בלאַט.
פּאַר נוח'ן האָט געבעטן לוט,
מען לאָזט אריין דעם שפּאַק,
און אין דרייען טרינקט מען ייִן!
פּאָנקאַ ניע דוראַק.

.4

האַלילויאַ און קאָל סלאַוועןן
און באָזשע צאַריאַ.
גאָט אליין, ער הייבט זיך אונטער
און שרייט מיט — הוראַ!
אין סאַראַפאַן שיינט נאָר די שכינה,
רוקט ער זיך צו איר צו!
זאָגט זי אים: וואַניאַ, וואַניאַ,
וואַניאַ, ניע שאַלי.

ער און איך

זאָגסט: „לי הכסף!“ שרייבסט: „לי הזהב“!
דיין איז וואָס ס׳איז נאָר פאראַן!
דו, גאָט, ביסט רייך! לײדער בין איך
א קבצן, און אָרעמער מאַן.

פון דער אַרבעט

דער נביא

איך בין פּראָפּעט: איך קוק און זע
דעם מאָרגן ליכטיקער, ווי היינט;
איך טראָג די פאָן פון גאָטס אַרמיי —
עס ציטערט אַשמדאַי דער פיינט.

און גאָטס אַרמיי איז איבעראַל,
די פאָן איז רויט, ס'געווער איז ניי —
איך בין דער פעלדמאַרשאַל
און פיר קריג מיט אַשמדאַי.

מיין נישט

מיין נישט, די וועלט איז א קרעטשמע — באשאפן
מאכן א וועג מיט פויסטן און נעגל
צום שענק פאס, און פרעסן און זויפן, ווען אנדערע
קוקן פון וייטן מיט גלעזערנע אויגן
פארחלשט, און שלינגען דאס שפייעכץ און ציען
צוזאמען דעם מאגן, וואס ווארפט זיך אין קרעמפן! —
א, מיין נישט, די וועלט איז א קרעטשמע!

מיין נישט, די וועלט איז א בערזע — באשאפן,
דער שטארקער זאל האנדלען מיט מידע און שוואכע,
זאל קויפן ביי ארעמע מיידלעך די בושה,
ביי פרויען די מילך פון די בריסטן, ביי מענער
דעם מארך פון די ביינער, ביי קינדער דעם שמייכל,
דעם זעלטענעם גאסט אויפן וואקסענעם פנים — —
א, מיין נישט, די וועלט איז א בערזע!

מיין נישט, די וועלט איז א הפקר — באשאפן
פאר וועלף און פאר פוקסן, פאר רויב און פאר שווינדל;
דער הימל — א פארהאנג, אז גאט זאל נישט זעען!
דער נעפל — מען זאל אויף די הענט דיר נישט קוקן;
דער ווינט — צו פארשטיקן די ווילדע געשרייען;
די ערד איז צו זאפן דאס בלוט פון קרבנות —
א, מיין נישט, די וועלט איז א הפקר!

די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין בערזע, קיין הפקר!
געמאָסטן ווערט אַלעס, געוויגן ווערט אַלעס!
קיין טרער און קיין בלוטיקער טראָפּן פאַרגייען,
אומזיסט ווערט קיין פונק און קיין אויג נישט פאַרלאָשן!
פון טרערן ווערן טייכן, פון טייכן ווערן ימים,
פון ימים — אַ מבול, פון פונקען — אַ דונער —
אָ, מיין נישט, לית דין ולית דיין!

געמישט

טרייסט

טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
שטאַרקט דאָס האַרץ, מאַכט פעסט דעם גייסט.
זייט נישט דער ווינט, וואָס לעשט די פלאַם,
נאָר בלאָזט זי אויף, ווייל נאַכט איז סם!
נאָר בוימאויל גיסט און פוצט די קנויט,
ווייל נאַכט איז גיפט און שלאָף איז טויט!
טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט!

מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט, —
עס האָט געלויכט, שוין נישט איין נאַכט,
עס האָט געזיגט שוין נישט איין שלאַכט.
און נישט געלאָזט די פאָן פון האַנט!
עס שטייט — אַן אייזן־פעסטע וואַנט!
אין וויסטן, ווילד־פאַרקאָכטן ים!
אָ, שטאַרקט דאָס פאָלק! בלאָזט אויף די פלאַם!

אָ, שטאַרקט דאָס פאָלק! נישט אָפּגעשלאָפט!
זאָל שפּריצן העל די לעבנס־קראַפט,
אַלס פייערדיקע זייל ביינאַכט — — —
עס זינקט די נאַכט, דער טאָג דערוואַכט!
און שיקט די שטראַל — אַ גאָלדענע פייל —
אַלס גרוס דער פייערדיקער זייל! —
אָ, טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט!

פון אלע זייטן קרייזלט דער ווינט

פון אלע זייטן קרייזלט דער ווינט,
בלאָזט ער וואַרעם, בלאָזט ער קיל...
דרייט די פליגל פון א מיל...
שליידערט בליץ־געשווינד
פון דאך צו דאך די פלאם...

צי ער פאטשט דער ים —
וואל מיט וואל ווערט שנעל באדעקט,
אויפגעשטעלט א וואסער־וואנט
און דער אָפּגרונט ווערט אנטפלעקט.

צי זיין שטילער אָטעם שמעקט
און ער זשומט א פרילינגס־ליד,
און ער טראָגט פון שטראנד צו שטראנד
זאָמען־שטויב און זאָמען־בליט...

צי ער ווירבלט אין ווייטן סטעפּ,
וואָלקן פון שטויב, זיילן פון זאמד,
און די פעלזן, ווען ער שפאלט...
צי ער ראנגלט מיטן וואלד,

בויגט אים זיינע ריזן־קעפּ,
רייסט די טאנען ביי די צעפּ...
אָדער טרייבט, ווי שאָף און רינד,
אין וואָלקן הויף, אין ווילדן שפּיל...

עס קרייזלט דעם ווינט
דער זעלבער ווינט.
ימים פיל, טייכן פיל,
און דאָס זעלבע וואסער רינט...
ווערט געענדערט אָרט און גאנג.

ווערט געענדערט אָרט און גאנג
ווערט געטוישט פאָרם און קלאנג, —
מורמלט זילבערן דער קוואל
און ס'באַטויבט דער וואסער־פאל,
גלאנצט און בלענדט דער טירקוס־זעע
טאנצט דער וואלד־שטראָם, ווי די פעע
שפריצט די ערד, דער הימל גיסט...
אלץ דאָס זעלבע וואסער פליסט...

צי פון מוטער־לייב געקראָכן
פון אן איי זיך אויסגעשטאָכן,
צי אנטוויקלט פון א רויג, —
קוקסט דיך צו, אין יעדן אויג
פינקלט, שימערירט און בליצט,
פון עמעצנס האמער צעשלאָגן,
אויף מיראדן פונקען צעשפריצט...
דאָס זעלבע לעבן...
און געשטאלטן שוועבן,
און מיראזשן־בילדער יאָגן,
טויזנט־פארביק צויבערט די וועלט,
טיר און מענטש, פעלקער, ראסן,
קלאסן
און געשלעכט...

און זעט מען זיך נישט רעכט,
ווערט לעבן פון לעבן נישט דערקענט, —
קאָן ווערן לעבן דעם לעבן צולאסט!
ווערט לעבן פון לעבן געזילבט און געהאסט,

פאַרהייליקט, פאַרשוועכט, פאַרגעטערט, געשענדט!
שטרייט מען און בענקט, האָפט מען און ראַנגלט, —
ווערט געלאָקערט, געיאָגט און געאַנגלט,
און יענעמס שאָטן געקושט, דער שטויב געלעקט!

א ווירוואַר פון געפילן געוועקט...
און דאָס ציט און דאָס שרעקט!
איז אייביק נע־ונד די וועלט!
פעלדז און בארג, וואַלד און פעלד,
און איבעראַל די זעלבע ערד,
ווי דער הימל, ווי די שטערן...

און אָפן איז דאָס אויער און הערט
און ווערט נישט קיינמאָל פול פון הערן...
ס׳אויג נישט שטראַל־און־פאַרבן־מיד...
פאַר יעדן טאָג א בענקשאַפט בליט,
גליסט דאָס האַרץ און ווערט נישט זאַט...
און הערט נישט אויפסניי צו פרעגן...

פיס ווערן מאַט...
און מיט שטויב פון טויזנט וועגן
פון טויזנט לענדער
אין די פאַלדן, אין געוועב
דריקן די געווענדער...

שוועב צו, נאַכט, שוועב...
דיין שאָטן איז ווייך, דיין אָטעם לינד,
און קום פון ווייט, פרעג נישט פון וואַנען,
און איידער דיין שלייער צערינט,
גיי איך פון דאַנען —
און נישט פרעג,
וווהין עס פירט דער וועג...
אפשר ווייסט ווער אין דער הויך...

לאָמיך רוען אין דיין שוים...
דו ביסט נעפּל־שאָטן רייך,
שפּין א טרוים מיר אוים,
וויג מיר איין דאָס הארץ,
שפּין גרוי, שפּין שווארץ,
שפּין רויט,
שפּין פון לעבן... שפּין פון טויט...

בענקשאַפט און טרויער

איך בענק צו דיר! —
ווי די דורכגעברענטע ערד
צום ערשטן טראָפּן טוי;
ווי דער גרויער אָוונט
צום ערשטן פינקל־שטערן —
בענק איך צו דיר;

עס ציטערט מיין אָרעם הארץ
און צאַפּלט צו דיר!
ווי דער פריש־געפאַנגענער פויגל אין שטייג
צום פרישן וואַלד,
צום פרישן, גרינעם, פרייען וואַלד,
בענקט עס צו דיר!

מיין נשמה לעכצט נאָך דיר!
ווי דער ארויסגעוואָרפענער פיש פון ים
אויפן הייסן זאמד
צו דער ערשטער גרינער פאַליע,
וואָס וועט׳ן באַפרייען פון טויט,
לעכצט זי צו דיר!

אָ, שטערן מיינער, אָ, מזל מיינס,
ווו פירסטו מיך?
ווו גייט מיין וועג?

מיט וואָס האָסט אויפגעפלאַמט?
צי מיט פּליסיק גאָלדן־גליק,
צי מיט בלוט?
און ווער איז דאָס ווייסע געשטאַלט,
וואָס שטראַלט אַקעגן מיר?
ה אָ פ נ ו נ ג אָדער ט ו י ט?

א ווייסע, אַן אויסטערלישע ווייסע,
אַן אומגעהויער ווייסע, ריינע בלום
האָט אויפגעשפּראָצט, האָט אויפגעבליט
אַמאָל ביי מיר אין האַרץ.

גיי איך אַרום מיט אַן אָפן האַרץ,
גייט אַן אויג אַ שלעכטס פאַרביי
און שטעכט זי מיטן שאַרפן בליק,
און זי איז פאַרביי.

באַלאַדן

מ אָ נ י ש

(נײַ באַארבעט)

צו וואָס איז אונדזער לעבן גלײַך?
צו אַ טײַך!
און די מענטשן — צו די פֿיש!

ס'וואַסער איז געזונט און פֿריש,
וואָלט'מיר שווימען אָן אַן עק;
שטעלט דער שוואַרצער זיך אַוועק,
ווי אַ פֿישער אויפֿן ברעג — —

שטייט דער שטן אויפֿן לאַנד
מיט דער ווענטקע אין דער האַנט —
כאַפּט די פֿיש.

אויף אַ ווערעמל נישט קיין ריינעם —
אויף אַ תּאווהלע אַ קליינעם,
תּענוג אויף אַן אויגנבליק...
אָנגעצונדן שוין דער שטריק,

אין דער לופֿטן קוים אַ טרעסל,
ס'פֿליט דער העכט שוין צו נ'ם קעסל
אויפֿן פֿייער פֿון גיהנום...
און געפּרעגלט און געבראָטן...

און — ימח שמו — מעקען אים
און מעוויסט: ס'איז מעשה־שטן

און ס'גערְאַט'ם,
ווייל דְאָס ווערעמל ציט און ציט...

כ'זינג דעריבער אויך א ליד!
לעגט די אויערן צו און הערט!

* *
*

ס'איז געווען אמאָל אַן עילוי —
כ'וויים נישט ווען און ווו אפילו,
נאָר אין פּוילן, און, אַ פּנים,
אין דער גוטער אַלטער צייט...
און ביי גוטע פרומע לייט:

פרום דער טאטע,
פרום די מאמע;
די מישפחה —
לומדים סאמע,
און זיי שמען
אויף דער וועלט,
און מבינים גרויסע זאָגן:
זיי וועט אלע איבעריאָגן
מאַניש — אונדזער העלד...

אצינד איינגאנצן
זיבן, אכט!
און א מתמיד —
טאָג, ווי נאכט!

תורה זאפט ער, ווי א שוואָם;
און אַ קעפּל — ווי אַ בליץ,
צי אַרויף — צום העכסטן שפּיץ,
צי אַראָפּ — אין טיפסטן תהום!
ווי אַ וואסער זופּט ער ט"ז;

מעג דער רמב״ם זיין, ווי הארב,
טרעפט ער באלד אריין אין קארב,
און א בקי שוין אין ש״ס...

און א שיינער יונג — א פראכט:
שווארצע לאָקן, ווי די נאכט;
רויטע ליפּלעך — רויזן צוויי,
שווארצע ברעמען, ווי די בויגן,
ווי דער הימל בלויע אויגן, —
און דאָס פּייערל אין זיי!

אָנצוקוקן איז א פרייד
מיידלעך ווערן רויט און בלאַס,
אַז ער ווייזט זיך אויף דער גאַס, —
אַז דער שיינער מאָניש גייט...

די יונגע רביצין אין חדר,
זיצט א גאַנצן טאָג כסדר,
קוקט אויף מאָנישן און קוועלט —
אויפן קוימען לויפט און ברענט,
און זי זיצט פארלייגט די הענט,
הערט, מיכלומרשט, ווי מען קנעלט...

און דער שכנה — שיינע אָדל
פאלט פון האנט ארויס די נאָדל, —
לאָזט זיך אונדזער מאָניש הערן!
פּרעסט דאָס הערצל מיטן הענטל,
דריקט דאָס אוי׳רל צו צום ווענטל,
און עס קייקלען זיך די טרערן — — — —

אָבער ריין, ווי גאָלד, איז מאָניש,
פון דעם אלעם ווייס ער גאָרניש׳!
וואָס האָט אונדזער מאָניש האָלד?
ער האָט ליב א בלאַט גמרא,

ער האָט חשק צו אַ סברא...
„שור שנגח את הפרה"!
אַז מען שמועסט ,אַ גאָלד...

*

און אין יענער צייט
האָט מאָניש אַלס עילוי געשמט!
קומען לומדים פון דער פרעמד
און רבנים פון נאָנט און ווייט
דעם עילוי פאַרהערן:
אַ נייער שטערן!
עס טאַנצן פאַר שימחה די זילבערנע בערד, —
ווייל דער מאַמען, וואָס האָט'ם געטראָגן,
ווייל דעם טאַטן, ווייל איז דעם אָרט!
כ'גיב עס איבער וואָרט אין וואָרט,
נאָר וואָס ארט זאָגן?

*

געלעבט האָבן דאַמאָלט
די אַלטע באַלעבאַטים, —
מעשענע ברילן,
זילבערנע בתים,
גאָלדענע עטרות,
אייזערנע מוחות...
אַנדערע יאָרן,
אַנדערע כוחות...

אין בית־המדרש —
קעפּ אויף קעפּ;
מ'לערנט אין הייזל,
אויף די טרעפּ,

ס'ווערט פאַר חצות
קיין ליכט פאַרלאָשן —

א פּראַשבע — אַ רענדל,
תורה מ׳גראַשן!

*

הויכע בערג פאַראַן אַ סך,
נאָר אררט פון תנ״ך
מיט די שנייען אויפן קאַרק
איז אַן אויסטערלישער באַרג;

אויף זיין רוקן, ווי באַשריבן,
איז די תיבה שטיין געבליבן
נאָכן מבול. און מען הערט,
ווי זיין ליבער נאָמען שווערט
אייביק לעבן פאַר דער ערד...

„רצחע, מענטשל, גנבע, מסר,
כ׳וועל נישט טאָפּיען דיך אין וואַסער:
איך פאַרשטעל מיר בעסער ד׳אויגן״...
נ׳הענגט ארויס א פּיילנבויגן
אויפן הימל לזיכרון...

אַמאָל איז געווען, אַ פּעקל מיט יאָרן, —
עס זיצט נאָך די תיבה טיף אין שנייען,
און עס לעבן דאָרט אין צווייען
ס״ם און לילית — מאַן און ווייב,
צוליב דער קעלט און צייט פאַרטרייב,
פון גיהנום גאַנץ פאַרבאָרגן,
נישט אַ ליבער טעט־א־טעט?

איינמאָל פרימאָרגן
סמאָל ליגט נאָך און רויכערט אין בעט,
לילית מאַכט טואַלעט
קעגן דעם צוהר1), —

1) אייגנטלעך, אַ פענצטער; לויט לעגענדע, אַ טייערער שטיין, וואָס האָט באַלויכטן די תיבה!

עס קלינגט אין טויער:
„אריין"!
באווייזט זיך, דערשראָקן, א שד,
קלאַפּט מיט די ציין,
פאַלט אויפן פּנים און צאַפּלט אויף דר'ערד:

— „אָ, קעניג מיין,
האָסט פאַר דער וועלט
דיין פּנים פאַרשטעלט;
האָסט גאָרנישט געהערט,
גאָרנישט געזען...
און אצינד איז שוין שפּעט, עס ציטערט דיין טראָן".

ס"ם שפּרינגט אויף: „הער באַראָן,
וואָס איז געשען?

אין קעניגרייך פּוילן
האַרט ביי דער גרענעץ,
שטייט זיך א שטעטל
גרויס, ווי א גענעץ.

(כ'רעד נישט פון מקום!)
הערט מען עס זעלטן, —
הייזלעך, ווי ניסלעך;
שמות — געצעלטן!

דרייען זיך יידלעך
ארום, ווי די מתים;
מ'האָט קיין פּרנסה,
מ'לעבט פון תעניתים.

אָן האַנדל, אָן וואַנדל
האָט תורה א קיום,

מ׳פּאַשעט למדנים,
ס׳וואַקסן עילוים...

וואַקסט אצינד אַ פּרי,
וועט עס פאַרשעמען
פּוילן און ליטע,
פּרייסן און בעהמען...

וועט ער אויסוואַקסן,
לאָזטו אים פריי,
זע׳מיר פאַרפאַלן,
ביסטו פאַרביי!

מיט אייזערנע ריטער
וועט ער אונדז דרעשן;
און וועט אין גיהנום
ס׳פייער פאַרלעשן!

וועט ער אונדז יאָגן
מיט שרעקלעכן האַס,
ברענגען משיחן,
חלילה וחס!״

ווי ס״ם האָט די ווערטער דערהערט,
איז אים די שימחה געוואָרן געשטערט,
פלאַמען אים אויף די אויגן רויט,
און ער שוויצט מיט טייוולם קויט,
ווי אַ קעסל אויפגעברויזט,
לויפט צו לילית מיט דער פויסט...

— „זי איז שולדיק, זי אַליין!

די נום איז האַרט,
נאָר, מיין מאַן, וואַרט

זי קנאַקט דאָך אונטער די ציין...
ניצחון איז זיס;
גרייט אָן די שפּיז,
דער בראָטן וועט קומען אליין!"

ענטפערט ליליט און פאַרשווינדט
אויף די פליגל פון א ווינט. —

*

טראַ־ראַ־ראַ, טראַך!
וואָס איז געשען?
האָט נישט ווער ערגעץ
משיחן געזען?

ווען בלאָזט מען שופר?
אלול, נישט תמוז.
צי איז משוגע
געוואָרן דער שמש?

ס'בלאָזט טראָמפּייט,
ס'קנאַלט און קנאַקט,
אָן עקסטרא פּאָסט
קומט אָן פון טראַקט!

בלאָזט די טראָמפּייט,
קנאַקט צו די בייטש,
שטייט מען מיט אָפענע
מיילער: וואָס טייטש?

וואָס טייטש?
געקומען פון דאַנציק א דייטש;
האַנדלט מיט ווייצן, האַנדלט מיט קאָרן,
ס'איז אינעם שטעטל א מחיה געוואָרן,
איינמאָל א קונה! איינמאָל א צאָלער!
ס'בליצן די רענדלעך, ס'בלאַנקען די טאָלער!

פון פאַרשום א רעגן!
פאַרלעגן די פויערן מיט פורן די וועגן,
האַנדלען בטלנים,
שוחטים, דיינים,
מען לויפט, מען קויפט און פאַרשיקט...
נאָט האָט דאָס שטעטל מיט איינמאָל באַגליקט

און ס'איז געקומען א גאָלדענע צייט,
מ'טראָגט אין דער וואָכן אַטלעס און זייד —
חתונות מאַכט מען טאָג־טעגלעך כסדר,
באַוואָרפן די שניידער מיט חתונה־קליידער!

עס זענען אָן העַנט שוין די קלעזמער געבליבן,
די חופּה צעריסן, די שטאַנגען צעריבן.
מ'האָט שוין פון ברחן קיין כוח צו לאַכן,
מען קריגט שוין קיין וואַקס ניש', הבדלות צו מאַכן.

מ'האָט מיט איינמאָל פאַרגעסן די נויט:
ווער נעמט עס אין מויל, מע באַקט נישט קיין ברויט!
ס'ווערן געגעסן נאָר לעקעך און פלאָדן,
און משקה — צום באָדן!

האָט דער דייטש זיך מיטגעבראַכט
איין איינציק טעכטערל — א פּראַכט:
גאָלדענע לאָקן ביז די פּיס,
אויגעלעך העלע, ווי די שטערן,
און א קול — א פרייד צו הערן,
האַניק ־ זיס,
און אין סאַמעט איינגעהילט!
רעדט זי, גלייך א פידל שפּילט!
לאַכט זי — א קאַסקאַדע פרייד!
און דער טרעגער אונטער דער לאַסט,
און אין קלויז, דער פּרוש, וואָס פאַסט,
נאָר מען לאַכט, קינד און קייט!

דאָך דער עיקר איז דאָס לידל,
ס׳רעדט א פידל, ס׳זינגט אַ פידל...
עס ווערט אזוי זיס, ס׳ווערט אזוי באנג...

מאָניש לערנט שוין לאנג אין קלויז,
און טאָג אויף טאָג פארביי דעם הויז
מיט זאַנג און קלאַנג
גייט ער אין דער קלויז אריין,
און ער שטעלט זיך אָפּ אין טויער,
זאַפּט די לידער איין אין אויער.
און ס׳פארשיכורט אים ווי וויין, —
(א זינדיקן מענטשן, עפר ואפר!)
נעמט דערנאָכדעם זיך צום ספר,
שווימען די זעלבע ניגונים ארויס,
זינגט זיי שטונדן אויפן זייגער,
און עס הערט פארבליפט די קלויז:
נישט קיין וואָלאך, נישט קיין שטייגער,
און עס ציט די קליי ארויס...

א חבר קוקט,
זעט ער, מאָניש זיצט פארצאָגט,
און פארציטערט, ווי אין פיבער,
און א שטערן בלאַס, ווי קרייד,
און פארקוקט ערגעץ ווייט
פון פענצטער ארויס, פון ספר אריבער. —
אוי, וואָס איז דיר, מאָניש, זאָג? — —
און אזוי טאָג אויף טאָג,
טאָג אויף טאָג!
זעט די מוטער, ווי מאָניש פארשווינדט:
— „וואָס איז דיר, מיין קינד?
ווער האָט פארלאָשן, וואָס פאַר אַ ווינט,
די אויגעלעך דיינע, די שיינע הבדלות?
ווו האָסטו גענומען ניגונים — יללות?

פלעגסט דאָך זינגען גאָר אנדערע זאַכן,
ס'פלעגט דאָך פאַר תענוג ס'האַרץ אין מיר לאַכן
ביים חזן אין שיל, צי שבת ביים טיש;
ווי א פויגל פריי, ווי א גלעקל פריש,
היינט — עפּעס אנדערש זינגט פון דיר אַרויס,
וואָס איז דיר, מיין קינד, דער מאַמען זאָג אויס;
עס שרעקט זיך די מאַמע דיין!"
— „וויים איך דען, מאַמע, וואָס ס'זינגט אין מיר?
כ'וויל גאָרנישט זינגען, עס זינגט זיך אליין!
ס'פליען די קולות, ווי פייגל פון נעסט...
און אזוי זינגט זיך, אזוי ווי דו זעסט!"

*   *
*

און אין מקום איז געוועזן
פון קדמונים א מפּולת:
(כ'וויל נישט נעמען אויף משקולת, —
פון א קלויסטער, צי א שלאָס;
כ'גיב עס איבער אות באות,
כ'האָב עס אין א בוך געלעזן . . .)

ווינען לצים אין דער חורבה,
און מען קרייט דאָרט און מע לאַכט,
און זיי בילן, און זיי מיאַוטשען,
און זיי שרעקן נאַכט אויף נאַכט.

וואַרפן שטיינער פון די לעבער,
איבער הייזער, איבער דעכער,
און אויפן דאַך
גייט אויף דער וואַך
ארום א הונט, קודלאַטע, ווילד,
וואָס האָט קיינמאָל נישט געבילט,
נאָר געשטשירעט מיט די ציין...
מילא, ציטערט הויט און ביין,

ייִדן, און להבדיל, קריסטן,
ווייכן לאַנג די גאַנצע גאַס,
און מיט הויכן גראָז באַוואַקסן,
שטייען הייזלעך פּוסטע־פּאַס!
קומט די נאַכט, באַווייזט זיך מאַניש
אין די שאָטן פון די ווענט...
און ער שלייכט זיך צו דער חורבה,
מיט די לאַצן אין די הענט —
אים באַגלייטן צוויי מלאכים:
אין דער לינקער זייט א שלעכטער,
און מיט טרערן אין די אויגן
גייט דער גוטער און דער רעכטער.

און דער גוטער מלאך רוימט אים
אינעם רעכטן אויער אריין:
„האָב אויף דיר אליין רחמנות,
זאָלסט פאַר גאָט נישט זינדיק זיין,
דען די וועלט האָט ער באַשאַפן,
וואָס אין הימל, וואָס אויף דר'ערד!
און די אַלע שיבעים אומות,
וועלכע לעבן אויף דער שווערד!
נאָר א תמצית פון די פעלקער
האָט ער ייִדן אויסגעצויגן,
און זעקס הונדערט דרייצן מיצוות
אָפּגעמאָסטן, אָפּגעוווויגן!
און וועט די היטער פון זיין תורה
מיט ש"י עולמות פאַרגעלטן —
זאָג־זשע, בחור, איז א דייטשקע
ווערט אזויפיל שיינע וועלטן?"

חוזק מאַכט דער שלעכטער מלאך,
רוימט אין לינקן אויער אריין:
„וועסט דערנאָכדעם תשובה טון,
און ער וועט דיר מוחל זיין!

האָט דען ראובן נישט געזינדיקט,
אָדער דוד מיט בת שבע?
און זיי לויכטן אין גן־עדן!
ווייל ער האָט א גוטע טבע —
און א ליאדע קרום, א טרער,
און א ווינטער־טאָג א תענית,
און א קרעכץ: „איך וועל נישט מער",
און ער גלייבט דיר אויף נאמנות...

הערט ער, מאָניש, די מלאָכים,
און דער ישוב דויערט נישט לאנג.
זי באווייזט זיך שוין אין פענצטער,
און עס כישופט איר געזאנג.

קוים געהערט און קוים געזען,
און ער פליט שוין פייל פון בויגן...
בלייבט דער גוטער מלאך שטיין
מיט די טרערן אין די אויגן...

*

און אין חורבה ברענט די ליבע;
פלעדערמייז און שפינען הערן
זייער זינגען, זייער לאכן,
זייער קושן, זייער שווערן!

זי פארלאנגט, ער זאָל איר שווערן,
אז עס איז קיין ליידיק פלוישן,
אז ער וועט זי נישט פארגעסן,
אויף א צווייטע נישט פארטוישן.

און ער שווערט איר ביי זיין רבין,
ביי דעם טאטן, ביי דער מאמען,
און ביי ביי אלע נאָך צוזאמען!...

— „זאָגט, וואָס נאָך, אום גאָטעס ווילן?״
און זי שעפּטשעט: „ווייניק, ווייניק!
און ער שווערט איר ביי די פּיאות,
ביי די ציצית, ביי די תּפילין,
אַלץ פאַרברענטער און פאַרשייטער,
און זי שמייכלט און זי בעט זיך:
„שווער נאָר ווייטער, שווער נאָר ווייטער!

ווייל אַ בחור קאָן פאַרפירן,
קאָן פאַרגעסן, — האָט זי מורא״...
און ער שווערט איר ביים פּרוכת,
ביים פּרוכת, ביי דער תּורה...

און זי רופט אַלץ: „העכער, העכער!״
זי וויל זיכער זיין אינגאַנצן,
און זי כישופט מיט די ליפּלעך,
און די אייגעלעך — זיי גלאַנצן,

און זיי פליסן לויטער כישוף,
און ער האָט קיין לאַנגן ישוב,
שווערט ביים שופר של משיח,
„העכער, העכער!״ ביז ער האָט
דעם נאָמען גאָט...
פון זינדיקן מויל אַרויסגעזאָגט —

פון דער הויך אַ דונער שלאָגט!
פון גיהנום — אַ געלעכטער —
און פון שוועבל גייט אַ ריח,
און ער פליט שוין פייל פון בויגן,
אויף אַ בעזעם אין דער הייך!

*

אויפן באַרג אַררט דאָרטן
איז אַ לעבן, אַ געפילדער,

ס׳איז א באַל דאָרט אין דער תיבה,
און א שרעקלעכער, א ווילדער!

און ציגיינער פון גיהנום,
צען קאַפּעלן מוזיצירן,
און שאַמפּאַניער — ווי וואסער,
און די רוחות קאַנקאַנירן.
לאָמפּן — טויזנט פּעסער סמאָלע!
די רשעים זענען צוויטן,
גייט ארום אן עקסטרא שמש
מיט א שערל צו די צוויטן!
און די קעניגן איז לילית,
אין די אויגן האָט זי בליצן,
טראָגט סמאַל די לאנגע
שלעפּע מיט בראַבאַנדער שפּיצן...

אָן דער זייט פון תיבה־טויער,
ביי דעם לעפל פונעם אויער
אָנגעשלאָגן, מאָניש שטייט...
ס׳פייער ברענט... די שפּיז איז גרייט...

ר' יאָסל

פּאָעמע

כי עזה כמות אהבה

(די ליבע איז שטארק, ווי דער טויט)
(שיר השירים)

אַ שם אויף דער וועלט האָט ר' יאָסל געהאַט,
אַלס גאָר אַ בארימטער מלמד;
גרעסער פון פאָטער ר'בערל כמעט,
נאָך אפשר גרעסער זיין מעמד.

עס פליען פעטש ביי ר' בערלען, ווי האָגל,
א מוהל־נאָגל — א שערל!—
ליידער, שוין גנגז געוואָרן דער נאָגל
ליידער, ער לעבט נישט, ר' בערל!

עס לעבן דאָך מאַנכע פון זיינע תלמידים,
עס שפּראָצט נאָך עד־היום זיין נאָמען;
עס לעבן דאָך מאַנכע — מיתנגדים צי חסידים,
זיי בענטשן עד־היום זיין נאָמען.

זעסטו אַ דארקייט, אַן „איכות אָן כמות",
קיין טראָפּן בלוט אין די ליפּן,
זעסט עמעץ ציטערט אין זומער, אין תמוז —
אים האָט ר' בערל געקניפּן!

זעסטו א פרומען, א שטילן, א שוואכן,
די אויגן פארלאָשן, פארטריפט —
דו הערסט אים נישט רעדן, דו הערסט אים נישט לאכן —
ער זיצט אין עין־יעקב פארטיפט.

זיין אישה שניידט קריעה, זי יאָגט זיך און האנדלט,
און מוז נאָך די קינדער פארזאָרגן,
ער לעבט — אין א חלום, א נאַכטוואנדלער וואנדלט,
ווייסט נישט, וואָס היינט און וואָס מאָרגן —

ס'איז זיינס א תלמיד! — עס קאָכט זיך ביי לייטן,
עס גייט וועגן שוחטים, דיינים;
מען הרגעט, מען מסרט, ע ר זיצט פון ווייטן,
פארקרומט און פארחלשט זיין פנים.

נישט ז י י ן איז דאָס שטעטל, ער וויל גאָרנישט וויסן,
און לערנט זיין עין־יעקב כסדר —
אים האָט גאנץ זיכער ר' בערל געשמיסן,
א שריד־ופליט פון חדר!

רירט אים נישט אָן, לאָזט רואיק אים לעבן,
לאָזט ביים עין־יעקב צופרידן!
עס האָט קיין למדנים ר' בערל געגעבן,
נאָר ציכטיקע, קראַנקלעכע יידן!

אין אייגענעם וועג איז ר' יאָסל געגאנגען,
ער ציכטיקט די גרעסטע קונדייסים;
ר'בערל — א שערל, ר' יאָסל אין צוואנגען,
און שרעקט נאָך מיט רוחות, מיט מתים.

עס האָבן די קינדער ס'גיהנום געפילט,
סמאָלע ברענט ביי זיי אין מוחל,
דאָס יונגע בלוט אין די אָדערן קילט,
מען זעט אויף א ליפּ נישט קיין שמייכל!

קוים האָט ער פון אונטער די ברעמען געבלינצלט,
עס ווערן די אייניקלעך פאַרלאָשן!
עס ווערן די הייטלעך, ווי פאַרמעט געריִנצלט —
ער האָט מיט קבלה געדראָשן!

דאָס איז פאַר עלטערן טאקע דערקוויקנד,
מע האָט אים געלויבט און געהויכט:
נשמהלעך האָט ער געריכערט, געטריקנט,
און גופים, ווי לייוונט געבלייכט!

עס האָבן די קינדער עכט־יידישע פאַרבן!...
חנעוודיק: הויט נאָר און ביינער...
עס טרעפט אַפילו טייל קינדערלעך שטאַרבן,
נאָר ד י נ ע ן, חלילה, וועט קיינער!

אַ לאַך איז אַ חטא, און אַ שמייכל איז גיפט,
פאַר אַלעם דעם ברענט מען און בראָט,
און לצים, און רוחות באַוווינען די לופט,
די בריקלעך פון הינטער דער שטאָט!

ווו נאָר אַ מפּולת, אַ קרעטשמע, אַ מיל,
פול אַלץ טייוולאָנים און מתים...
און יעדע נאַכט איז פול מתים אין שיל,
דאַווענען אין קיטלען, טליתים!

עס וואַלגערן זיך רוחות אין ליידיקע גאַסן
אחוץ אין גיהנום, אין תופות,
אין עולם־הדימיון — מיליאָנען, מיליאַסן,
גילגולים אין חיות און עופות!

אין וועלדער בלאָנדזשען געקאָוועט אין דיבעס,
עס פוילט זיי פון רעגן דער רוקן,
אין חיות הקדושות, אין שרפים נוראים,
און קלאָגן און בעטן זיך תיקון!

אחוץ נאָך פון יענע „מורידין ולא מעלין"...
(וואָס טרעפט זיך נישט איין אפּיקורס).
אין כּף־הקלע געשליידערט, ווי פּיילן,
געוואָרפן עד סוף כּל הדורות!

א מלאך, אז ס'זינדיקט, וויל גאָט נישט הערן,
קיין תּירוץ, און עפנט די „שלוסן"..
עס פאלט פונעם הימל א ליכטיקער שטערן —
גאָט האָט א מלאך פארשטויסן!

עס זינקט שוין דער ליכטיקער שטערן אין ים,
עס דינט שוין דער מלאך אין גיהנום דעם ס"ם,
אין חיות הקדושות, אין שרפים נוראים,
געפינט דער ריבונו־של־עולם חטאים —
וואָס האָפט נאָך א בשר־ודם?

ס'גיהנום באשרייבט ער גאָר לייכט, ווי א פעדער:
עס דאכט זיך גאָר טייכן און פעלדער!
ת"ו מאות פּרסא, גאָר גערטנער און סעדער,
און סאמע אנטיפּקע די וועלדער.

נישט מיטן אויג צו דערזען די לאָנקעס,
פּאשען בהימות זיך טאָג אזוי נאכט,
און איבער זיי פליען דאָרט אָסעס און באָנקעס —
א רשע דערזעט עס און לאכט!

באלד ווערט אים פינצטער און חושך פאר די אויגן,
א שרעקעניש ליגט אויפן פּנים!
עס זענען קיין פייגל, נאָר רוחות געפלויגן,
עס פּאשען זיך סאמע טייוולאָנים!...

ימים און טייכן — נאָר שוועבל אויף בעדער...
היים ווערט דעם רשע און קאלט —

דערנער און פּאָקשיווע וואקסן אין סעדער,
ס'איז קיין אַנטיפּקע דער וואלד!...

פון שווארץ פייער נאָר וואקסן דאָרט ריטער!
די לאָנקעס — געמויזעכטס צום זינקען...
עס ציט, ווי א סמאָלע, ס'איז זומפּיק און שיטער,
זיי ווערן אין נעפּל דערטרינקען!

באַלד שלעפּט אַן אָסע, אַ באָנק ביי די האָר,
ער שלעפּט און עס קנאַקן די גלידער,
און שטעלט זיי צוריק אין געמויזעכץ אנידער
און זינקען שוין ווייטער א יאָר!...

און פאַליעס — און רעדער, און תליות צום הענגען,
און קעסלען מיט סמאָלע צום בריען,
און קאלך־אויוונס צום בראָטן, צום זענגען,
און צוואנגען —די נעגל צו ציען,

און פייער, און פלאַמען, און אויטאָ־דע־פעען,
און אלץ, וואָס א ייד האָט אין גלות געזעען
און אָפּגעלייגט אין גיהנום־ארכיוו, —
דאָס אַלצדינג פאַרטיילט ער, די שרעקלעכע זאכן
פאר מוקצה, פאר רעדן, פאר שטיפן, פאר לאכן,
און לויט דעם שטרענגסטן טאריף!

ב

אינגאַנצן א שטוב מיט אַן אַלקער די וועלט,
ווו ס'האָט געלעבט און געליטן מיין געלד!
(אַ יידישער גיבור, וואָס האָט איר געטראַכט!)
אין שטוב וווינט גבריאל עם ציפּע זוגתו,
א ייד גאָר א פראָסטער, ו פ ר נ ס ו :
א שוסטער בייטאָג און אַ וועכטער ביינאכט!

קרום איז דאָס הייזל, פאַרזונקען, געבויגן,
דער דאַך מיט אַ דיוואַן פון מעך איבערגעצויגן,
באַוואַקסן — אַן אַלטע מצבה!...
די שויבן פאַר עלטער פאַרגרינט און פאַרגעלט;
דאָך האָט אינעם שטיבל קיין ליכט נישט געפעלט:
עס איז דאָ אַ „צוהר" אין תיבה!

דער צוהר איז ציפּע, מען פלעגט זי אַלס מיידל
צו רופן ביים פאָטער — „דער קונדאַס אין קליידל";
געשטיפט נאָר, קאַטאָוועסלעך געטריבן...
דאָס האַרץ איז אַ גאָלדנס, דאָס צינגל אַ קניפּיק;
היינט איז דאָס זעלבע, זי טראָגט נאָר אַ טשיפּיק,
דער קונדאַס, דער שפּאַס איז געבליבן!

דער קוימען־אויוון איז אָפּגעשיילט גאָל...
די כלים: נאָר דראַטוועס און פלעקער, אַן אָל,
אַ שענקל, צוויי אָרעמע בעטן...
וואָס איז ער? אַ וועכטער, אַ שוסטער אינגאַנצן,
נאָר אַלץ הייבט אָן שיינען און לייכטן און גלאַנצן,
אַז ציפּע הייבט אַלץ אָן צו גלעטן.

מיט ליכטיקע שטראַלן פון ד'אויגן די בלויע,
זיי שלאָגן זיך אָפּ ביי גבריאלן אין גרויע,
מיט ליכט ווערט באַגאָסן די שטוב!
און שטיל, ווו מ'הערט נישט דאָס לעבן פון גאַס,
נאָר דאָרט אינעם אַלקער, ווי טרויעריק און נאַס,
דאָרט, ווו ס'האָט קיינער נישט ליב —

ווו הייליקע ספרים אַרום אויף די ווענט,
ווו אַ קאַנאַניעץ אַן אייביקער ברענט, —
דאָרט איז ר' יאָסעלעס וועלט!
ווו ס'פליען נאָר פליגן און שפּינען נאָר וועבן,
דאָרט פליט ר' יאָסל און שפּינט אָפּ זיין לעבן,
דאָרט לערנט ער קבלה און קנעלט!

ער האָט זיך באַדינגען אויף קעסט און קוואַטיר,
ליכט ברענגט אַביסל די שויבענע טיר...
איך ווייס נישט. אַן אַלמן, אַ גרוש?
נאָר עלנט א שטיין, נאָר תעניתים, סגופים,
עינויים און שמות, השבעות, צרופין —
אויף אייביקע יאָרן אַ פּרוש...

אין אַלקער דאָרט קנעלט ער און ס'טרעפט זיך ביינאַכט
ר' יאָסל בלייבט זיצן גאָר ראַפּטום פאַרטראַכט,
און גלאָצט מיט די אויגן גאַנץ לאַנג אויף דער טיר;
עס דאַכט, ער שווייגט, און עס לאָזט זיך דאָך הערן,
אַ פּרעמדס, אַ קול גאָר, פול ווייטיק, פול טרערן.
און לערנט מיט די קינדער דעם שיעור!...

עס שרעקט די תלמידים, עס לעכערט אין אויער,
עס שטעלן זיך האָר און נעגל קאַפּויר,
און פּלוצלינג — דאָס קול הייבט אָן לאַכן!...
מען ווייסט עס אין שטעטל, מע קלערט און מע טראַכט...
אַ סברא, דער „מגיד" באַווייזט זיך ביינאַכט...
מען וואַרט נאָך אויף גרעסערע זאַכן!

ווינטער ביינאַכט, און קיין קריש אָפּגעבראָכן,
דאָס ליכט נישט אפילו מיט שפּילקעס געשטאָכן,
קיין האָר געצויגן, ווי ס'טרעפט אין חדרים;
פאַר „אונדזערס" א תלמיד איז דאָס נישט קיין שטייגער,
אויסגעברענט האָט עס, ס'איז ניין דער זייגער, —
די קינדער פאַרמאַכן די ספרים!

עס שלייכן אין שניי שוין די אָרעמע קינדער,
עס פרירן די פיסלעך, מען גייט נישט געשווינדער,
דרך־ארץ, די אייגלעך פאַרגלייסט!
פון שניי נישט קיין קוילן, דאָס איז נישט קיין אָרט,
אַהיים גייט מען רואיק, פּאַמעלעך... וואָס וואָרט
דאָרט אויף די קינדער? ווער ווייסט?

וואָס קומט אים אקעגן, ווו ר׳עפנט די טיר?
דעם טאַטנס א שמייכל: צי קענסטו דעם שיעור?
א קניפּ... און גאָר אפשר — די מוטער?
זי שטעלט אים ביים וואַרעמען אויוון אנידער,
זי ווישט אים דעם שטערן, דערוואַרעמט די גלידער,
באַגיסט אים קאַרטאָפּליעס מיט פּוטער.

איין יינגל בלייבט דאָך אין חדר אליין,
אויף אים האָט קיין הארץ נישט געקלעמט!...
אים וואַרט נישט קיין מוטער, ער האָט נישט קיין היים;
א יתום, א קינד פון דער פרעמד.

ער איז ביי ר׳ יאָסלען אויף דירה און קעסט,
ער ליגט שוין אין בעטל פארקנוילט...
ער שלאָפט שוין און ציטערט אינגאנצן; ווער ווייסט,
וואָס פאר א חלום אים גרוילט!

גאָט ווייסט, וואָס אים חלומט! צי שמייסן אים שדים,
און פייערדיק פילט ער די רוט!
צי בייסט אים דער הונט פון גיהנום דער שווארצער,
און זייגט אפשר לילית זיין בלוט?

און אפשר געוואָרפן אין גרוב צווישן שלאנגען,
מען גיסט אים גאָר שוועבל אין מויל!...
ער שווימט אין זיין אייגענעם שוויים אינעם קאַלטן,
עס יאָגט אין די ביינדלעך א גרויל.

אין בעט קעגנאיבער שלאָפט נאָך נישט ר׳ יאָסל,
פארטראַכט און דער שטערן פארצויגן,
אין פינצטערן אָלקערל לייכטן און גלאָצן,
ווי פאָספאָר, די ווילדע צוויי אויגן...

און דורך א שפּאַרע פון טיר שלאָגט אדורך,
און פאלט אויף זיין פּנים א ליכטיקע שטראַל,

ווי בלאַס איז זיין פּנים, אויף אים איז צעגאָסן,
א מין עגמת־נפש, א שרעקלעכע קוואַל...

עס הערן פון הינטערן וועגטל זיך שטימען
פון ליכטיקן צימער ארויס;
גבריאל, דער וועכטער, געזעגנט זיך צינדערט
מיט ציפּען, זיין ווייב, ביז כּלות...

ערשט נאָך א חתונה — קושן זיךביידע...
— „גאָט זאָל גע׳ן בעסערע צייטן,
קאָן איך אַלס שוסטער אויך האָבן פּרנסה...
און לעבן, ווי ס׳לעבט זיך ביי לייטן".

דערווייל גאָט צו דאנקען, האָב׳מיר דאָך פּרנסה...
ציפּע, ס׳איז שפּעט, לאָז מיך גיין"...
זי כאַפּט אים די באַק אָן, און קושט אים נאָך שטאַרקער,
— „האָסט אויף דער באַק אַלע ציין!"

אַרויס גייט דער וועכטער, ר׳ יאָסל שליסט ד׳אויגן,
און זיפצט אָפּ פון האַרץ, פונעם טיפן...
ער עפנט זיי ווייטער, זיי גלאָצן נאָך ווילדער,
הערט ער פון דרויסן דאָס רופן:

„היט זיך פאַר פייער!" „פאַר פייער", „פאַר פייער!"
און ציטערט און שוידערט אינגאַנצן...
שטיל איז אין שטוב שוין, דאָס ליכט איז פאַרלאָשן...
נאָר זיינע אויגן — זיי גלאַנצן!

פיבערהאַפט גלאַנצן די ווילדע, די אויגן,
ער ליגט אַליין פאַרטראָגן, פאַרטיפט;
מיטערנאַכט זעצט ער זיך אויף, ווי דערשראָקן:
— „חיימל", וועקט ער און רופט...

חיימל כאַפּט זיך מיט שרעק אויף פון חלום,
אין ד׳אויגן נאָך ציטערט א טרער.

— „חיימל — הייסט ער אים, — לייג צו געשווינדער,
צום ווענטל די אויערן און הער:

„צי שלאָפט שוין די אישה, צי שלאָפט זי שוין דאָרטן?
בייג צו די אויערן און האָרך!"
און חיימל ענטפערט: „ס'איז פינצטער אין שטוב שוין,
מען שלאָפט שוין, איך הער נישט קיין שאָרך!

— „אָ' חיימל, הער", מאכט ווייטער ר' יאָסל:
„ערגער ווי שעטנז, ווי טריפות,
אָ, טויזנט מאָל ערגער נאָך זענען די נשים,
די נשים, זיי זענען מכשפות!

און שטאַרקער איז דער כישוף, פון ווייטנס דער כישוף
ער ברעכט דורך מויערן און ווענט,
עס ליגט דאָס גיהנום ביי זיי אין די אויגן,
עס ווערן נשמות פארברענט!

„עס שפריצן פונקען ארוים פון די אויגן,
דאָס פייער — גיהנומדיק שוואַרץ!...
מיר שלינגען איין מיטן אָטעם ניצוצין,
פון זיי שטריקן זיך פעדים אין האַרץ!

„דער יצר־הרע פלעכט ווייטער די פעדים,
איז מיט זיי מבלבל דעם מוח,
און בינדט די נשמה מיט ד'אייגענע פעדים,
ביז זי בלייבט ליגן אָן כוח!

„ער בינדט און ער פלעכט, די נשמה בלייבט ליגן,
פונקט ווי אין שפינוועבס א פליג,
ביז זי בלייבט ליגן פארשמאכט און פארחלשט,
און זעט ער, אז ס'איז שוין גענוג,

„באַווייזט זיך ארוים ערשט דער שטן־המשחית,
אין צ ל ם פון אישה פארשטעלט...

עס ציטערט און צאַפּלט די פליג, די נשמה,
זי זעט שוין, עס עקט זיך איר וועלט!

„און פּונקט, ווי א שפּין מיט א פליג אזוי טוט ער,
דער שטן־המשחית, דער ס״ם,
ער זייגט אוים איר חיות, איר זאַפט און איר בלוט,
און לאַכט זיך נאָך אוים מן־הסתם״!

ווילד הייבט זיך אויף ר׳ יאָסל און זעצט זיך,
חיימלען פּונקט קעגנאיבער:
„דעם יצר־הרע ווער גובר איז, חיימל,
הערסטו, איז טאקע א גיבור!

„אָ, חיימל, הער, איך זאָג דיר נישט מער,
די וועלט — צו וואָס איז זי גלייך?
די מענטשן — וואָס נישט? — זיי זענען נאָך פיש,
זיי שווימען ארום אין א טייך...

„פארשטייסט מן־הסתם, דער פישער איז ס״ם,
ער שטייט זיך ביים טייכל, ביים ברעג,
און לאָזט אָפּ דעם ליץ, די אישה — זיין נעץ...
רחמנה־ליצלן, איז אַן עק!״ —

ג.

פינצטערע רוחות און שדים — צערינט!
צעיאָגט אייך, טייוולאָנים! גיהנום — פארשווינד!
צערייס זיך, דו שפּינוועבס! — ווי שפּיציקע פייל
שטעכן די זוניקע, גאָלדענע שטראַלן.

עס איז גרויסער טאָג שוין! איך טרייב קיין קאַטאָוועס,
די פראָסטע זון מיין איך! ר׳ יאָסלס באַל׳באָס,
דער שוסטער בייטאָג און דער וועכטער ביינאַכט,
צעציט זיך און עפנט די אויגן — דערוואַכט!

ער זאָגט „מודה־אני” און רייבט זיך גוט דורך
די אויגן; אים וווּנדערט, ער הערט נישט קיין שאָרך,
עס וועקט אים אויף ציפּע טאָג־טעגלעך כסדר,
ווו איז זי געגאַנגען? וואָס קנעלט נישט דאָס חדר.

צי איז עס א חלום? ער קנאַקט זיך די הענט,
ער קוקט אויפן קוימען — א פייערל ברענט,
עס קאָכט זיך א יויכל, ער פילט עס אין מויל,
ער שפּרינגט שוין אַרויס פון בעט, ווי א קויל!

ער כאַפּט די שטיוול, ער ציט שוין ביי די אויערן,
שמייכלט, עס ווערט דאָך דער שמייכל געפרוירן,
עס ווערן נאָך טריבער די אויגן די מאַטע,
און דרייט דעם פאַרמאָרזשעטן קאָפּ דעם קודלאַטע,

ווו זענען זיי אַלע, ר' יאָסל, די קינדער? —
עס ווערט אים אומהיימלעך, עס שרעקט אים דאָס ווּנדער;
ער קנייטשט זיך זיין שטערן, ער הייבט שוין אָן זאָרגן,
פּונקט יאָוועט זיך ציפּע פון אַלקער: „גוט־מאָרגן!”

פאַרשוווּנדן דער וואָלקן, די זאָרג שוין פאַרפלויגן,
און ליכט אויפן פּנים און פרייד אין די אויגן!
זיי קוקן און שמייכלען גוטמוטיק, ווי קינדער;
קיין צייט איז צו פרעגן, פאַרגעסן דאָס ווּנדער.

ער גיסט אָפּ די נעגל, זי גיסט אויס די שיסל,
און וואַשט אים דעם קאָפּ שוין, אים פרעסטלט אביסל,
דאָס גרויסע קינד ציטערט, זי זייפט אים און ווישט,
און קעמט אים, ער שמייכלט דערקוויקט און דערפרישט.

דעם תפילין־זאַק כאַפּט זי אַראָפּ פון דער וואַנט,
דערלאַנגט אים. — צינד דאַוון!” ער כאַפּט מיט איר האַנט,
עס רייסט זי אויס ציפּע: „ניין מאָרזאַק, צינד ניש'!”
ער דאַוונט, זי שוימט שוין און גרייט שוין צום טיש.

אַט וואַסער צום וואַשן, אַט פּעפער און זאַלץ,
אַט מעסער און לעפל און רעטעך מיט שמאַלץ;
עס דינען די פינגער אַלס גאָפּלען גאָר פיינע,
זיי מיאוסן זיך גאָרנישט — אַ שיסל נאָר איינע...

ער שפּייט אויס „עלינו", און שמייכלט גאַנץ ליב,
זי גיסט שוין דאָס יויכל, עס שמעקט שוין אין שטוב,
געבראָקט אינעם יויכל דריי נעבעכיקע בייגל...
נאָר פליייש גאָר אַ פּיצל, עס דאַכט זיך פאַר פייגל...

דער קאָפּ דער קודלאַטער ער הייבט זיך אָן בייגן,
עס ווילט זיך דעם נאַשער, ער בלאָזט אויף די ליפּן;
ציפּע פאַרשטייט אים און טראָגט אים אַקעגן,
אַ קוש גאָר, אַ הייסן, דאָס מויל צו פאַרשטופּן!

נאָר זי דערמאָנט זיך, ווערט טרויריק און באַנג,
עס איז גאָר פון די געדאַנקען אַרויס:
„צי ווייסטו, גבריאל, דער יתום איז קראַנק,
דעריבער דאָך קנעלט היינט ר' יאָסל אין קלויז!...

ר'איז חרוב דער יתום, גאָט היט און באַשירעם!
וואָס קלערסטו, ער פּייניקט די קינדער, די ווערים,
צינד שלאָפט ער. נאָר פריער, דו זאָלסט געווען הערן,
אַ „גאָטס רחמנות" — עס ווייזן זיך טרערן,

און טונקעלער ווערן די אויגן די בלויע,
דו ברוסט אין איר ציטערט, דאָס פּנים ווערט ווייס.
„ר' יאָסעלע — הערסט — איז אַ חיה־נוראָה,
איך וואָלט אים צעריסן אויף שטיקלעך פאַר כעס!"

— „ציפּע, פאַרוואָס?" — „אָך, אַ קלייניקייט גאָר,
מע נעמט אַזאַ יינגל, אַ יתום פון ווייט..."
— „גיי שוין, גיי, ציפּע... אויף מיר אַזאַ יאָר,
ווי פון דעם יתום וועט ווערן אַ לייט"!

— „דערווייל, זע איך, איז ער פארחלשט אָן כוח!...
ווי האָט מען קיין יהדות — צו מוטשען א קינד!"
— „אוי ציפּע, ציפּע, דו שריי נאָר נישט הויך,
פאר דער נ ש מ ה איז דאָס אלץ געזונט!"

ער ציט זי צו זיך, זעצט זי אויף דער שוים.
„אזוי רעדן, ציפּעניו, רופאים נאָר, דראַבעס!
מיין נאָר נישט, ציפּע, ס'רחמנות איז גרויס,
זאָלסט הערן „אלשיך" אין שילעכל שבת.

„אוי, דו זאָלסט הערן! נשמה איז אש.
אש איז נשמה, דאָס הייסט: א פייער!
און אז זי פלאַקערט, פארברענט זי דאָס פלייש...
נאָר, אז זי פּדענט, אז זי פלאַקערט איז טייער!

„זען בחוש קאָנסטו, עס וואקסט אין דער ברייט,
עס וואקסט אין דער לענג נאָר א שוסטער א גראָבער,
א שניידער, א קצב; דאָס רביל, קוק אָבער,
אָן חיות, אָן לעבן און קוים וואָס עס גייט!

„באַטראַכט די דיינים! פאר דאָס זייער לוין
איז דאָרט, ווו דער גוף איז שוין גאָרנישט קיין גאה;
אין בית־דין של־מעלה, ווו, ציפּעניו קרוין,
קיין שניידער, קיין שוסטער, האָט גאָרנישט קיין דעה!

„ווייל דאָרטן — אוים עזות, דאָרט מאכט מען קיין כוסה,
קיין שנייעדירש ווערטעלע גילט גאָרנישט דאָרט,
דאָרט זיצן אָבות, צדיקים גאָר גרויסע...
און גאָט אַליין לערנט, מען הערט יעדעס וואָרט!

„הלוואי וואָלט דיין מאַן אזא פּנים געהאַט,
און זאָל נאָר די שווארציטשקע פינטעלעך לעזן!"
דאָ שפּרינגט אויף ציפּע: „און א י ך זאָג דיר גלאַט,
אז איך וואָלט דאַמאָלט דיין ווייב נישט געוועזן!"

„א י ך בין א שניידערס א טאָכטער, מעגסט לאכן,
מיין שכל וועט אייביק שוין שניידעריש בלייבן,
מען זאָל באַדיי פּעקל־פּלייש דאָרט פון מיר מאכן,
הערסטו, גבריאל: קאַסטרוי זאָל מען טרייבן,

„איך וויל קיין געוויקטן, קיין הערינג, קיין גולם,
איך קאָן נישט לידן, און מעג דיך פּאַרדריסן,
עס שלאָגט מיר קאַפּויר, דערזע איך דעם עולם,
די וואָנסעס מיט טאַבאַק, דאָס הוסטן, דאָס ניסן"...

זי זעצט זיך צוריק אויף דער שוים ביי גבריאלן:
„גיב מיר נאָר, מאַרזאַטש, די וואָנסעס צו שפּילן,
זיי מיט דיין אָלשיך נישט גרוים!
תורה קאָן א י ך דאָך פון „צאינה־וראינה",
תורה איז תורה, צי די, צי יענע...
הוידע מיך נאָר אויף דער שוים!

„שרעק דיך נישט! גלייך אוים דעם שטערן, און שמייכל,
א י ך וועל דיך לערנען, דיין ציפּע האָט שכל!
ז י י פּירן ארום ביי דער נאָז!
פאַרוואָס קומט גן־עדן, זאָלן זיי מיר זאָגן,
נאָר געלעניש־זאָכעניש, נאָר חולה־מאָגן?
גבריאלטשע, איך פרעג דיך, פאַרוואָס?

„צי זענען געוועזן אויך שוואַך און אָן אָטעם
יעקב־אבינום עשרת השבטים?
געדענקסט: אַז אַ קול זאָל דערלאַנגען
ביז פּרעהן צום פּאַלאַץ, געדענקסטו, גבריאל,
פּרעה פאַר שרעק — א טאָלעץ פון דער שטול...
און היינט־זשע דאָס שפּרינגען אויף זאנגען!

„און יוסף־הצדיק האָט נישט קיין גן־עדן?
און איז דאָך געוועזן גאָר שיין, ווי די וועלט,

און האָט זיך גאָרנישט דאָס פּנים פאַרשטעלט,
כאַטש אויף אים קוקן אי ווייבלעך, אי מיידן!

„און וואָס איז געווען, זאָג, שימשון־הגיבור?
ווייל זיי פאַרדרייען דעם קאָפּ, די גנבים?!
הערסטו, גבריאל, איך זאָג דיר דעריבער...
הער נישט די שוטים, הער נישט די כלבים!"

דעם פינגער לייגט ציפּע ארויף אויפן נעזל:
„און ווען נאָך, גבריאל, אַמאָל ווערן געוואָר,
ס'שטיליטשקע וואַסערל, ס'קליינטשקע גרעזל,
איז דאָך..." זי רוימט אים א סוד אויפן אויער...

ער שמייכלט האַלב גלויביק: „עס קאָן אפשר זיין!"
זיי שפּרינגען אויף ראַפּטום, זיי האָבן געהערט
א זעץ פונעם אלקער, זיי לויפן אריין,
אַראָפּגעפאַלן איז דאָרט דער יתום אויף דר'ערד.

פון מיילעכל פיענע: „אָ, מאַמעניו קרוין!
קום שוין געשווינד, מיר די שפּין צו פאַריאָגן;
זי שטייט אויף מיין קעפּל, אָט נאָגט זי מיך שוין,
זי וועט מיר דאָס בלוט מיינס... זי וועט מיך אויסנאָגן!"

גאַנץ לאַנגזאַם איז צו זיך דער יתום געקומען,
און קוים איינגעשלאָפן נאָך טיי מיט ציטרין...
— „דיר וועל איך, ר' יאָסעלע, צאָלן מזומן...
פאַר אים זאָל מיין מוטער אין הימל זיך מי'ן!"

„שניידעריש" וועט זי אים שטעלן שוין א חופּה,
און גאָט זאָל דעם יתום די כוחות דערפרישן!...
פאַר כעס און רחמנות ציטערט אַזש ציפּע,
זי הייבט אָן דעם יתום צו גלעטן, צו קושן...

ער בלייבט שטיין א רגע, גלייך ר'האָט א ישוב,
די ליפּן פאַרבייסט ער, דאָס פּנים פאַרביטערט,

ער לייגט די הענט אויף דער קליאַמקע, זי ציטערט
און שעפּטשעט: „ריבונו־של־עולם אַ כישוף"...

גבריאל דערזעט אים, בלייבט קאַמיש דערשראָקן,
עס פאַלט פון דער האַנט אים דער האַמער, דער פלאָקן:
דער קוימען איז ליידיק, ר׳ יאָסל קומט עסן;
זי האָט זיין יוויכל פאַר צרות פאַרגעסן.

דורך גייט ר׳ יאָסל, אין אַלקער איז טונקל,
דערזעט ער נישט ציפּען, גייט גלייך צו צום ווינקל,
צום קינדערשן בעטל, דערזעט זי אין עק,
און בלייבט שטיין פּלוצלינג פאַרשטיינערט פאַר שרעק.

און ציפּע שמייכלט: „זייט מוחל, איך בעט אייך,
איך האָב מיך פאַרשפּעטיקט, איך גיי אייך ערשט קאָכן;
מען טאָר נישט אָפּטרעטן פון קראַנקן, איר זעט דאָך,
אַ שפּין איז אויף אים דאָ אין חלום געקראָכן.

„נאָר זאָגט אים כאָטש היינט נישט קיין מוסר, ר׳ יאָסל,
אויסרוען זאָל ער זיך, אויסשלאָפן פריער!
איך וועל אייך גרייטן צום טיש, היינט, ביי מיר,
אָט, מאַך איך שוין פייער און שטעל צו דעם ראָסל.

„און וועט זיין אַלץ פאַרטיק, וועל איך אייך שוין רופן,
צעהאַק אַ פּאָר שפּענדלעך, געשווינדער, גבריאל!"
ר׳ יאָסל זיפצט אָפּ פונעם האַרץ, פונעם טיפן,
און פאַלט אַנידער ביים ברעג אויף דער שטול...

ער זיצט אויפן בענקל אָן אָטעם, אָן כוח,
עס פלאַמען ווילדע געדאַנקען אין מוח,
און צינדן אונטער די אויגן, זיי ברענען...
ער שפּאַרט דעם קאָפּ אָן ביים יתום צופיסן,
אים ווילט זיך דעם ווייטיק פון האַרץ אַרויסגיסן,
עס ווילן זיך די טרערן פון די אויגן נישט טרענען.

זיי זידן אין ד׳אויגן און ווערן פארברענט.
„ריבונו־של־עולם!״ פארברעכט ער די הענט.

„ריבונו־של־עולם, דו הייסט דאָך „רחמנא״,
צי בין איך פאַרביי שוין, האָב איך קיין תקנה?

עס העלפט נישט קיין חלשן, בעטן און שרייען,
„הבא לטהר...״ ווו׳ז דער „מסעיין״?

„דער יצר־הרע איז פּרעה... מצריים...
זאָל זיין, ריבונו־של־עולם, „בשלח״!
עבודת־הפרך... דיין עבד... באפרייען!...
שיק מיר דיין הילף שוין, באַדיי דורך א מלאך.

„אין זכות פון צדיקים, קדמונים און אָבות, 1)
זאָל זיין מיין רעכטע און לינקע מרכבות...
איך ברען, ווי א גלאָווניע, גאָט, שלעפּ מיך ארויס
פון העלישן פייער, עס ברענט שוין מיין פלייש!
לאָז ווערן מקוים: כאוד מוצל מאש;
אנישט לעש — דאָס העלישע פייער שוין אויס!

„ווי א קינד ביים טאטן בעט איך זיך ביי דיר,
גאָט, מאך זי מגונה, גאָט, מאך זי מכוער,
אנישט — כאָטש זאָל בלייבן דער וועכטער אין שטוב!
איך וויל נישט קיין יחוד, כ׳וויל בעסער שטאַרבן!
כחרס הנשבר? צעברעך, ווי א שארבן,
איידער דער יחוד — שוין בעסער אין גרוב!

„און גייט ער אוועק נאָר, און רופט זי מיך עסן...
גאָט! כ׳וועל דיין הייליקן נאָמען פארגעסן...
די שלעכטע מחשבות, זיי ברענען און זידן!

---

1) עין־תפילה ליצ״ה, סידור אורח חיים.

ריבונו־של־עולם, דאָס זעסטו נאָר איינער,
אין הארץ און אין מוח, אין מארך פון די ביינער,
אין רמ"ח איברים, אין אַלע שס"ה גידין!

„די קליפּה וועט גובר זיין, ס'וועט איר געראָטן,
ריבונו־של־עולם! שריי נ אָ ך אָן דעם שטן!
איך וויל קיין ניסיון. אָ! לאָז ער זיך ווענדן,
צו ג ר ו י ס ע צדיקים, צו ש ל ו מ ה ס א בעט,
וו ס'וואָלטן אים „שישים גיבורים" געפּלעט
מיט שווערדן פון אונטער די לענדן!"

דער וועכטער געזעגנט זיך צינדערט מיט איר,
ער הערט אים ארויסגיין, עס קלאַפּט צו די טיר.
„חבל על דאבדין!" רופט ער פארביטערט!
ער רייסט זיך די פּיאות, קנייפּט זיך די באַקן,
און הייבט אָן די פינגער צו ברעכן, צו קנאַקן,
ער בענקט נאָכן רופן און שרעקט זיך און ציטערט!

ד.

ער ריטשט זיך פון בענקל, ער בלייבט ליגן כורעים,
ער וויל זיך אויפהייבן; אומזיסט זיין באַמיען,
ער חזרט און חזרט אַלץ: „שישים גיבורים",
און די גיבורים, זיי שלעפן און ציען

דעם רעשט שיר־השירים ארויף אויף די ליפּן;
די פּסוקים זיי יאָגן זיך, שטויסן און שטופּן
(אין מוקדם ומאוחר אין הייליקן ווערק!)
די פּסוקים — זיי יאָגן זיך, וויקלען זיך, מישן,
און פון „ישקני" (אָ, לאָז ער מיך קושן!)
ביז „הרי בשמים" (פון בשמים די בערג)!

אים דאכט זיך, אז ציפּע — זי שטייט אים אקעגן:
זי האקט אים אַלץ איבער אינמיטן מיט פרעגן;

צי מיינט איר דען טאקע די כנסת־ישראל?
איך האָב אַלע ציינדלעך, דאָס קאָנט איר מיר גלייבן;
ציינדלעך, ווי פּערל, און אויגן, ווי טויבן,
— „צי האָט איר באַטראַכט מײַנע אויגן אַמאָל?

„אַ ליליע בין איך!" זי שמייכלט און לאַכט:
„זעט נאָר מיין העלדזל, מיין פּנים באַטראַכט!
זעט נאָר די בעקלעך — ווי רויזן אין טאָל;
די גבירישע טעכטער טוען זיך אָן הערנער!
איך בין דאָך די שענסטע, אַ רויז צווישן דערנער!...
מ י ך מיינט איר, נישט כנסת־ישראל!

— „צי בין איך נישט שיין, ווי שולמית, און יונג?
צי רינט נישט מיר מילך, און האָניק פון צונג?
פון מיין קול ווערט איר ג אָ ר נישט ניתפּעל?
איך שיין — די לבנה, איך שיין, ווי די זון,
א י ך בין שולמית, איר ו ו י י ס ט ווער איך בין!
מ י ך מיינט איר, נישט — כנסת־ישראל.

„אין כנסת־ישראל פאַרגעסט שוין, און זעט,
דאָ שיי איך, שולמית, און שלומה זייט א י ר!
קומט, דריקט אייך צו — ווי אַ חתימה צו מיר,
מיין אָטעם איז עפּל, מיין גומען איז מעד!

וואָס שרעקט אייך, ר' יאָסל, וואָס קריצן די ציין?
איר מיינט, ס'איז דער טיוול, ער מאַכט אייך צו שפּאָט!
אָ, חס־ושלום! איר זאָגט דאָך אַליין:
„שלהבת יה", די פלאַם איז פון גאָט!

די פלאַם איז פון הימל, פון גאָט איז די פלאַם,
זי ווערט נישט פאַרלאָשן... קיין טייכן, קיין ים,
זעט, ווי איך שמייכל, בין גליקלעך און קוועל!"

און קוים רופט די אמתע ציפּע: „ר׳ יאָסל!
„איך בראָק אייך שוין בייגל, איך גיס שוין דעם ראָסל״,
טרעט ער שוין איבער די שוועל!

ה.

דאָס קאָן איך אייך זאָגן מיט ריינעם געוויסן:
ער האָט זיך געוואַשן, און אָפּגעווישט ריין,
נאָר „שאו־ידיכם״ — דאָס קאָן איך נישט וויסן,
צי זאָגט ער באמת, ר׳ יאָסל, צי ניין.

מיר דאכט זיך, שעפּטשעט נאָר: קליפּה און קליפּה,
און זאָגט פון דער ברכה קיין וואָרט.
„נו, זעצט אייך, ר׳ יאָסעלע! שמייכלט נאָך ציפּע,
זעצט אייך, אָט דאָ אויף מיין אָרט!

„און מאכט שוין, ר׳ יאָסל, אַ מוציא, איך בעט אייך...
איר זאָגט אַליין, און זאָגט אָן א שיער״.
ער פאָלגט זי. — „אָט זאַלץ, מיט א שטיקעלע רעטעך,
עס זעט אויס, איר מיאוסט אייך פאר מיר?

„וואָס מיאוסט איר אייך פאר מיר, פאר וועלכער דרשה?
צי זע איך אייך אויס אזוי מיאוס?
מיין מאַן, גבריאל, זאָגט אויף מיר „נישט קשה״...
און שמייכלט דערביי אזוי זיס...

„אַ צוקערקע — זאָגט ער — נאָר אייך? ווער קאָן וויסן —
איר זייט גאָר אַן אנדערער ייד!״
(עס ווארפט אים דאָס פיבער, עס שטיקט יעדער ביסן,
עס ברענט אים אין הארצן, עס זידט).

„מיין מאַן גבריאל... גוט איז ער זייער
און... כ׳זאָל אזוי וויסן פון שלעכטס,

ווייס איך, וואָס פעלט אים... נאָר גראָב אומגעהויער —
(דאָ גיט זי פון הארצן א קרעכץ).

„ער קעמט זיך אָפילו... אָן שפיצן די באָרד...
און פיאהלעך, ווי איך האָב ליב,
נאָר גרעבלעך!... ר׳ יאָסל... ווען איר וואָלט געטאָרט..."
(עס דרייט זיך ארום אים די שטוב).

„ווען א י ר אָן פאות, א בערדל אָן שפיצן!...
אַך, יידן! איר זייט נאַראָנים!
עס שלאָגט אייך די תורה אין ד׳אויגן, ווי בליצן,
די חכמה, זי שיינט אויפן פנים.

„און ווייבלעך די שענסטע... זיי וואָלטן געשטאָרבן!...
פארשטופּן זיי ד׳אויגן אין דר׳ערד...
און מאכן פון ליכטיקן פנים א חורבן,
מיט קאָלטענעס — פיאות און בערד..."

פרעגט, ווו האָט ציפּע די שפּראַך געלערנט?
אַ שניידערס א טאָכטער געוועזן,
נאָר ווייט פון ביכער, ראָמאַנען — ענטפערנט,
אַפילו נישט „שמ"ר" געלעזן.

אַ שניידערס א טאָכטער, פון טאַטן, פון זיידן,
ווו נעמען זיי קונצן, די זאכן,
ווו נעמט זי דאָס זיסקייט אין שמייכלען, אין לאַכן?
דאָס איז אַלץ — די שלאַנג פון גן־עדן!

אזוי האָט געדייבערט די שלאַנג,
עס האָבן זיך די ווערטער, עס האָט זיך דער קלאַנג
אין וואקסענעם הערצל אָפּפאָטאָגראַפירט!...
און חווה פארירשנט אויף אייביק די טעכטער,
דעם וויין — אינעם רעדן, דעם מעד אין געלעכטער,
א שמייכל, וואָס ציט און פארפירט...

דאָס ווערט נישט געלערנט, דאָס ווערט נישט שטודירט:
דעם וואקס־צילינדער קוים האָסטו באַרירט,
עס קלינגט שוין, ווי האָניק און ווערטער־שעפּטאַלן!
בלומען באַשיטן דיין זעלע מיט שטויב,
עס דאכט זיך, עס זינגען מלאָכים דיין לויב,
דו טאָפּיעסט אין גאָלדענע שטראַלן.

דאָס איז די שלאַנג אַליין. נישט נאָר אונדזער זיידן,
האָט זי פאַרטריבן פון שטילן גן־עדן,
נישט אָדם־הראשון אַליין!
און נישט איין שמשון־הגיבור געשוואכט,
נישט איינעם די טויערן פון הימל פאַרמאַכט,
מען זאָגט נאָך, אז שקר החן,

הבל היופי! דאָס בלוט הייבט אָן וועלן;
קוים גיסט זיך דער האָניק פון ליפּן, ווי קרעלן;
עס קלינגען די טענער ווי זילבערנע גלעקלעך,
און דער טאָג שמייכלט אויף ראָזיקע בעקלעך,

און אויגן בריליאַנטן, זיי לייכטן און בלישטשען —
ווער ווערט נישט שיכור פון די ארבע־כוסות?
עס הייבט אָן ר' יאָסלען אין העלדזל צו סווישטשען,
און קום, וואָס ער אָטעמט, ער כראָפּעט — אַ גוסס...

ער גוססט, ער כראָפּעט: אָ, ציפּעניו קרוין,
נו, נאַ דיר די פיאות, אָ, נעם זיי דיר שוין...
איך בין זיי דיר מקריב!... איך וויל זיי נישט מער.
און נעם דיר די שפּיצן, אָ, נעם אויף נאמנות...
און ציפּע פירט אויס דעם שפּאַס אָן רחמנות,
זי שמייכלט און — האַלט שוין די שער...

ו.

קאָנט איר די ווילדע טראָפּעען פון שלאכט?
בלילה ההוא, אין דער דאָזיקער נאכט,
האָט ציפּע דלילה געוויזן מיט גאות,

איר מאן, גבריאלן, דיווילדע טראָפּעען,
ער האָט זי מיט שרעק באטראכט און באזען:
שימשון־הגיבורם — ר׳ יאָסעלעם פּיאות.
און שפּיצן פון בערדל! ער האָט זיי דערקענט...
זיי האָבן די האָר אין דעם גרוב פארברענט...

זיי שטייען דאָך טרויעריק; עס פרעגט זי זיין בליק:
צי האָסטו פאר דעם נישט פארהאנדלט מיין גליק,
צי האָסטו נישט מ י ך פארקויפט דאָ אין זאק?
א י ר ווערט אויך טרויעריק, עס ווילט זיך איר כליפּען.
זי האלדזט אים און קושט אים: „צי גלייבסטו נישט ציפּען,
איך האָב׳ן געוואָרפן ארויס, דעם צבועק!״

כאָטש שפּעט — נאָר אין ציפּען דערוואכט דאָס געוויסן,
עס קלעמט זי ביים הארץ שוין אצינד,
און פלוצים ווערט איר קול אָפּגעריסן,
פארשטעלט זיך דאָס פּנים געשווינד.

זי פאלט אויף זיין אקסל, זי הייבט זיך אָן שעמען,
— „געזינדיקט... איך וויים עס אליין...!״
און פיבערהאפט ציטערן ליפּן און ברעמען,
צינד לאָזט זי ארוים א געוויין!

„גבריאלטשע, ס׳טוט באנג... אוי, גבריאלטשע, ס׳איז מיאוס״...
זי קלעמערט אים פעסטער ארום.
„איך וועל איבערבעטן... אים וואשן די פיס!״...
גבריאלטשע שטייט טרויעריק און שטום...

פארשוווּנדן ר׳ יאָסל, מען ווייסט שוין כסדר
אין שטעטל אין גאנצן, ווי ס׳איז געשען!
„אליהו־הנביא אין פּויערשע קליידער
עס האָט אים נישט איינער ביינאכט נאָך געזען),

„איז פארטאָג נעקומען און האָט אים גערופן,
גאָר ווייט פונעם ישוב, וואָס האָט איר צו זאָרגן!...
אין א הייל זענען זיי ערגעץ פארבאָרגן,
זיי מאכן אין מידבר צרופין”...

דעם יתום האָט מען דערווייל אָפּגענומען,
אנדערע — ווארטן און האָפן,
מ'איז זיכער אין שטעטל, ר' יאָסל וועט קומען,
עס האָט זיך אזוינס שוין געטראָפן!...

אזוינס דארף צו דויערן א חודש לערך;
ר' יאָסלס קעפל איז פייער און פלאַם,
ער וועט זיך נישט זשאַלעווען קפיצת־הדרך,
און ווארפן דעם גארטל אריבער א ים!

דאָך יאָרן פארגייען, דער אַלקער שטייט לער,
אַלץ טרויעריק גבריאל, און ציפּע? ווער ווייסט?
אמאָל בלייבט זי שטיין מיט די אויגן פארגלייסט,
און פון זיי קאַפּעט א טרער!

פון ביאַליק

1.

זיי מיר גוט...

זיי מיר גוט!
זיי א מוטער, א שוועסטער מיר!
זעסט,
איך בין אזוי עלנט און קום נאָך טרייסט צו דיר,
אין דער שווערסטער מינוט — —
מיין קאָפּ — די נעסט
פון פארשטויסענע תפילות לאָז רוען אויף דיין שויס;
אלע הימלען זענען פאר זיי פארמאכט —
און אין דער שטילער שעה, צווישן טאָג און נאכט,
הער מיך אויס...

מען זאָגט: פאראן יוגנט אויף דער וועלט
און בליען בליט זי, ווי א רויז...
פאראן מן־הסתם!
נאָר וווּ איז מיינע? צי האָט זי געטייט די קעלט,
צי פארברענט די פלאם?
דאכט זיך, גאָרנישט געווען...

אויך ליבע איז פאראן, אזוי זאָגן לייט,
זאָג מיר, וואָס באטייט
דאָס וואָרט, פאר מיר א הוילער קלאנג?
און דאָס מאכט אזוי באנג, דאָס מאכט אזוי באנג —
און וואָס איז פרייד?

אזוי שטיל און צאַרט
האָבן שטערן אמאָל געווונקען צו מיר און — גענאַרט...
א חלום געווען... מען האָט'ן פאַרטריבן,
און עס איז מיר אין לעבן גאָרנישט געבליבן,
און איך וועלק און איך פריר...
זיי מיר גוט, איך קום נאָך טרייסט צו דיר. —

.2

„משא נמירוב"

שטיי אויף!
מענטש, שטיי אויף און גיי,
און גיי צו דער שטאָט, ווו די שחיטה איז געווען,
ווו דאָס בלוט איז פארגאָסן געוואָרן!
מיט די אייגענע אויגן זאָלסטו זען
און אָנטאַפּן מיט אייגענע הענט די צוימען
די שטיינער, די ווענט
מיטן פארטריקנטן בלוט,
מיט די פארגליווערטע געהירן
פון די דערשלאָגענע —
צווישן חורבות וועסטו גיין,
צווישן איינגעבראָכענע מויערן,
צוזאמענגעשטירצטע ווענט —
מיט לעכער,
ווי אָפענע ווונדן שווארצע — —
פון אונטער דיינע פיס פליען פעדערן און שמות...
טרעטסט אויף צעבראָכענע כלים,
אויף ספרים,
אויף פארמעט,
אויף שטיקער צעפלאצט לעבן —
דו אנטלויפסט —
צו ליכט און לופט אנטלויפסטו!
דער הימל לאַכט אויס דיר,
די שטראַלן פון דער העלער זון שטעכן דיך,

די גלאַנצן פון צעבראָכענעם גלאָז, וואָס ליגט נאָך אויף
די גאסן,

לעסטערן דיך!
אַלץ אַרום — דער בליענדיקער בוים,
דאָס פריש־אויסגעשפּראָצטע גראָז,
לאַכט אוים דיר...
וואָס פילסטו? בליטן, אָדער בלוט?

אין טאָג פון דער שחיטה האָט זיך דער פרילינג צעבליט!
דער שוחט האָט געשאָכטן, די זון האָט געשיינט
און באַשאָטן דעם שוחט מיט גאָלד!
דער טאָג האָט צו אים געלאַכט!
די בוימער האָבן געבליט!
דו אנטלויפסט,
ווילסט דיך באַהאַלטן אין א הויף?
זע, זע, אָט א בערגל,
אָט א בערגל מיסט,
צוויי זענען געקעפּט געוואָרן אויפן בערגל:
א ייד און זיין הונט — —
איין האַק האָט זיי געקעפּט,
דאָ, אויף איין מיסט האָט מען זיי געוואָרפן...
און אַז אונטערגעגאַנגען איז די זון,
זענען חזירים געקומען
און ביידע געלעקט,
און אונטער זייערע פיס
האָבן זיך ביידע געקאָלערט —
שאַ!
מאָרגן וועט גיין א רעגן
און וועט אָפּשווענקען דאָס בלוט —
עס וועט שוין נישט שרייען,
נישט שרייען אַרוים פון מיסט,
עס וועט פאַרלוירן ווערן ערגעץ אין תהום —
און אפשר אָנטרינקען א ביימל צו דער זעט —

און אַלץ וועט זיין ווי פריער,
אַלץ ווי פריער —
וואָס איז דען געשען? וואָס?

באַהאַלטסט זיך אויף אַ פינצטערן בוידעם?
פילסט די טויט־שרעק, וואָס שוועבט נאָך ארום אין
דער פינצטער,
אין דער פינצטערער שטילקייט!
זעסט? פון אַלע לעכער, פון אַלע שפּאַלטן און ריצן,
קוקן אויגן ארויס;
אויגן קוקן אויף דיר שטאַר און שטום,
דאָס קוקן די נשמות פון די „קדושים" —
די פאַרוואָגלטע, פאַרוויסטע נשמות — —
האַ־האַ־האַ!
זעסט, דאָרט, אין ווינקל האָבן זיי זיך צונויפגענומען,
צוזאַמענגעפּרעסט, און געשוויגן;
דאָ האָט זיי דאָס אייזן געטראָפן,
דאָ זענען זיי געבליבן!
דאָ שטייען זיי נאָך און שעפּן,
און אָטעמען אין זיך אריין
דעם גאַנצן טרויער פון זייער אומזיסטיקן טויט —
נישט טראַגיש,
קוים טרויעריק איז דער טויט —
הערסט? זיי פרעגן:
נאָכוואָס?
נאָכוואָס געלעבט, פאַרוואָס געשטאָרבן?
מיט שרעק און ציטערניש פרעגן זיי,
די קדושים:
און — אל ארך אפים, —
ער שווייגט!
שפּינוועבס אין די ווינקלען —
פרעג די שפּינען,
וואָס דאָ איז געשען,
לעבעדיקע עדות!

זיי וועלן דיר פארציילן
פון געשפאלטענע טראכטן מיט פעדערן געפילט —
נעגל און נאז־לעבער, קעפ און האמער —
פון מענטשן געפאלענע אין דער פינצטער, אן צייט צו קרעכצן,
פון קינדער, וואס האבן פריש בלוט געזויגן פון
געשפאלטענע ברוסטן,
פון א האלב־קינדישן רוף: מא... און „מאמע" נישט
געענדיקט
א מעסער האט איבערגעשניטן דאס ווארט!
און נאך... און נאך...
מעשה׳ס, וואס וועלן דיר פארברענען דעם מוח —
די געהירן אויף אש
און די נשמה טויטן,
אויף אייביק, אויף אייביק — —

רוף נישט! וועק נישט די טויטע,
אנטלויף מיטן פארשטיקטן געשריי אין דער קעל,
מיט דער פארשרפ׳טער טרער אין אויג —
אנטלויף —
צוריק צו דער זון אין גאס —
היי, עס בליט, עס שיינט, עס קלינגט!
קאנסט עס נישט ליידן?
זוך דיר שטילע שאטן אין קעלער!
קום אראפ —
זעסט, דא אין די שאטן,
צווישן די קילע שאטן
זענען די צנועות,
דיין פאלקס כשרע טעכטער — — —
פארשטייסט?
איינע אונטער זיבן, איינע אונטער זיבן!
דער מוטער אין די אויגן — די טאכטער,
די מוטער אין דער טאכטערס אויגן — געשענדט!
און פארן קוילן און נאכן קוילן — —
טאפ אן מיט די הענט די פארבלוטיקטע לאקן,

די קישן —
דאָס בלוט מיט עפּעס אַנדערש צוזאַמען
פאַרגליווערט — —
זעסט? או דאָרט הינטער די פענצטער —
הינטער די אָנגעוואָרפענע כלים,
אין ווינקל דאָרט
זענען געלעגן,
אָן אָטעם געלעגן זענען דאָרט זייערע פאָטערס,
זייערע מענער, ברידער און חתנים —
און האָבן מיט אָפענע אויגן דאָס אַלץ געזען —
ווי די לייבער האָבן געצאַפּלט
אונטערן גוי און אונטער זיין אייזן —
און געהערט מיט אָפענע אויערן
די געשרייען די פאַרשטיקטע, די איבערגעהאַקטע —
א שטראַל בלוט — אַן אָפּגעהאַקט וואָרט —
שאַ — — — — —

פאַר שרעק פאַרגליווערטע, פאַרשטיינערטע הערצער...
און אויב איינס האָט נאָך געצאַפּלט,
האָט עס, פּילייכט, נאָך געבעטן:
ריבונו של עולם,
טו א נס,
זאָלן זיי מ י ך נישט זען,
פאַרבלענד זיי, זאָלן זיי מיך נישט זען!

מענער — פאָטערס — ברידער — חתנים...
און פון די מענער,
אויב וועלכן עס איז א נס געשען
און איז לעבן געבליבן,
איז מאַנכער,
ווען די שרעק איז אַריבער,
פון קעלער אַרויסגעקראָכן,
צו זיין גאָט, אין זיין גאָטס הויז אריינגעלאָפן
און געדאַנקט פאַרן נס,

וואָס אים איז געשען!
און דערנאָך צום רב געלאָפן:
צי מעג ער מיט זיין ביילן נאָך לעבן?!

הער, ארויס קריך!
קום,
קום צו די מיסטן,
צו די שטאָלן פון חזירים, קום,
צו די באַהעלטענישן פון דיינע ברידער
אין שחיטה־טאָג!
דיינע פאָלקס־קינדער,
חשמונאים,
בר־כוכבאָס דיינע,
דיין הייליקן טאַטנס קינדער —
צוואַנציק אין א לאָך,
דרייסיק אין א הייל — — —
די, וואָס הייליקן מיין נאָמען!
די ווערים צעקראָכן,
ווי מייז זיך פארשטעקט —
און — ווי די הינט געשטאָרבן!
און צו־מאָרגנס איז ארויס א זון
און דערזען דעם פאָטערס פגר אין מיסט —
וואָס פארשטעלסטו דיין פנים, מענטש!
וואָס קריצסטו מיט די ציין?

גיי צום טאָל הינטער דער שטאָט,
א גאָרטן בליט דאָרט אין טאָל,
באַשיט פון דער גאָלדענער זון, ווי א כלה —
בליט ער, דער גאָרטן...
און דאָרט איז פאַראַן, אין דעם גאָרטן, א הייל —
די בלוטיקע —
דאָרט זענען איינגעשלאָפן די מערדער,
נישט ווייט פון טייערע קרבנות ליגן זיי
שיכור און שלאָפן...

און ארום די כלים —
די רעדער מיט אויסגעזעצטע ספּריכן,
ווי מערדערישע פינגער צו עמעצנס האלדז, —
מיט די נאָך בלוטיקע, שווארץ־בלוטיקע שפּיצן —
בלוט מיט געהירן!
און אז דער טאָג וועט טרעטן אָפּ דעם אָוונט,
די זון וועט אין מערב־זייט אונטערגיין
מיט בלוטיקע וואָלקן געהילט און געשלייערט,
און פייעריק צעפלאַמט — —
דאַן גיי אהין צום טאָל,
אין גאָרטן אריין גיי —
זוך אָפּ די הייל...
און גנבע זיך שטיל אריין...
טסס...
אַ שרעק שוועבט אין דער לופט...
אַ שרעק, אַ צאַפּלען, אַ גסיסה —
הוילע קרעכצן, הייזעריקע שרייען, פארשטיקטע רופן, —
דאָס אַלץ וואַלגערט זיך ארום צווישן די כלים,
און רירט די רעדער,
און דרייט זיי איבער,
און שלאָגן זיך אָן די שפּיצן,
אָן די העלצער,
און קומען ארויס פון לעבער און שפּאַלטן —
ארום — קרעכצן —
איבער דיין קאָפּ פארגליווערטע קרעכצן —
אַ שטומער צער שוועבט,
נאָכוואָס? פארוואָס?

יסורים שטומע פלאַטערן.
אַ שכינה, אַ שווארצע, אַ טויט־מידע,
אַ דערשלאָגענע
רוט איבער אַלעם —
און געפינט נישט קיין רו!
הארץ־רייסנדיק! —

ווייל וויינען און קאָן נישט
ווייל שרייען און שווייגט,
אין אייגענעם טרויער דערשטיקט —
די פליגל איבער די הרוגים פאַרשפּרייט זי
און ווייגט אָן א קול...
און אויפן בית־עלמין גיי,
אויף די קדושימס קברים!
אַהין שלייך זיך אין דער שטיל,
זאָל קיינער דיין טריט נישט הערן,
זאָל קיינער דיך נישט זען...
פאַרדעק דיך פאַר חרפּה!
גיי און קוק אויף דיינע הייליקע!
וויינען וועסטו נישט איבער זיי...
צעגיין וועט וועלן דיין האַרץ;
איך וועל עס פאַרגליווערן אין דיר —
וועסט וועלן די ברעמען אראָפּ אויף די אויגן לאָזן,
איך וועל זיי דיר אויפשטעלן, ווי נעגל!
שרייען וועסטו וועלן
ווי א שטיר, צום שחיטה־באַנק געבונדן,
ברילן...
איך וועל דיר דאָס קול דערשטיקן אין האַלדז —
זעסט, ווי געשאָכטענע קעלבער ליגן זיי,
האָסט פאַר זיי קיין קלאָג,
קיין זיפץ —
— „פאַרגיבט מיר, הייליקע טויטע,
פאַרצייט מיר, איר אייביק פאַרשעמטע,
פאַר אייער אָרעם לעבן
פאַרן אָרעמען טויט,
ה ע ל פ ן קאָן איך נ י ש ט!
מאָרגן וועט איר קלאַפּן ביי מיר
און פאַרלאַנגען אייער לוין — —
איך ה אָ ב נישט!
א יורד בין איך,
אָרעם, אזוי ווי איר!

אומזיסט זייט איר געפּייניקט
געוואָרן און געשטאָרבן,
ווי אומזיסט איר האָט געלעבט...
אַ רעטעניש נישט צום פאַרענטפערן
איז אייער טויט, ווי אייער לעבן
איז אַ רעטעניש!"
און אין וואָלקן הילט די שכינה איין
איר קאָפּ און וויינט,
פאַר שאַנד און שפּאָט וויינט זי!
— נאַכט אויף נאַכט וועל איך אין דער שטיל
אויף די קברים אַראָפּ
און וויינען אין דער שטיל
פאַר שאַנד!

און דו, מענטש!
דו, וואָס האָסט מיך געזוכט און געפונען
אין מיין אָרעמקייט, אין מיין טרויער,
גיי נישט צוריק מיט לערע הענט!
נעם ביי מיר,
אַ טייל פון מיין שטילן ווייטיק נעם
און וואַרף עס אין דעם שוים פון די לעבעדיקע,
פון די נאָך געבליבענע — —
זיי זאָלן נישט פאַרגעסן!
און, גייענדיק צוריק,
רייס אוים אביסל גראָז, —
— עס איז פרילינג,
עס בליט,
עס איז זאַפטיק דאָס גראָז, —
רייס אוים אַ פולע האַנט
פון שפּראָציקן, זאַפטיקן, פרישן קברים־גראָז,
און וואַרף הינטער דיר —
און זאָג:
גראָז איז מיין פאָלק,

אַפּגעריסן גראָז.
קאָן דאָס אַפּגעריסענע לעבן?

גיי!
גיי צו לעבעדיקע,
צו די נאָך געבליבענע,
אין גאָטס הויז אריין גיי,
דאָרט זענען זיי פארזאמלט —
זיי פאסטן דאָרט און בעטן!
הערסט דעם יאָמער?
עס צעגייט נישט דיין הארץ אין דיר?
שטעלן זיך דיר נישט די האָר קאפויר? —
דאָס געקלאָגעריי —
דו ציטערסט נישט?
אזוי קלאָגט אן אָרעמע, דערשלאָגענע
דינסט פאר א גראָשן,
וואָס זי פארלירט אין מארק...
אין זייערע הערצער,
אין זייערע דערשלאָגענע דינסטן־הארץ אריין קוק —
ווי לער איז דאָרט און וויסט!
קיין איינציק גרעזל האַס!
קיין קערנדל נקמה!
קיין פלוך אויף זייערע ליפּן!
זיי בעטן!
קוק אין זייערע הערצער אריין,
נישט אויף זייערע ליפּן — —
פאלש איז יעדעס וואָרט!
איך זאָל זיי פארצייען,
איך זאָל פארגעבן זייערע זינד!
זינדיקט א צעבראָכענער שארבן?
זינדיקן ציטעריקע שאָטן אויף די ווענט?
פארוואָס בעטן זיי און שטורעמען נישט?
וואָס הייבן זיי קיין פויסטן נישט אויף?
פארוואָס פאָדערן זיי נישט?

פאַרוואָס רייסן זיי די הימלען נישט איין,
נישט דעם כיסא הכבוד?

און ער —
הייבט אויף דער חזן זיין קול
און רופט:
„טו פאַר די געשאָכטענע,
פאַר קליינע קינדער טו,
פאַר זויגנדיקע קינדער”...
און נאָכשרייען וועט דער עולם
און ציטערן וועלן די זיילן אין הויז — —
אויף דיר וועל איך מיך דערבאַרמען!
דו וועסט נ י ש ט וויינען,
נישט וויינען מיט זיי — — —
און הייבט זיך אין דיר אַ געשריי אויף,
דערשטיק איך עס!
צווישן דיינע ציין דערשטיק איך עס!
דו זאָלסט דאָס אומגליק נישט פאַרשווענכן
נישט באַקלאָגט,
נישט באַוויינט זאָל עס בלייבן!
ק יי ן טרער!!
און די נישט־אויסגעוויינטע טרער
פאַרגליווערן זאָל זי אין דיין האַרץ
און ווערן צום שטיין!
אויף דעם שטיין וועל איך מיין פעסטונג בויען —
אייזערנע מויערן — קופערנע שפּיצן —
פאַר האַס, צאָרן און טויט
אַ הייליקטום!
אין דיין האַרץ וועט עס שטיין
און וואַקסן —
פון גיפטיקן בלוט גענערט
וועט עס וואַקסן —
אַ פעסטונג,
אַ הייליקטום,

א שלאַנגען־נעסט
פאַר גיפטיקן, צאָרנדיקן, גרימיקן טויט
פ א ר ד י י ן פ אָ ל ק!
און צו־מאָרגנס
זע, וואָס זיי טוען...
אויפן בית־עלמין וועלן זיי מאָרגן גיין,
די דערשלאָגענע,
די איבערגעבליבענע,
די האַלב טויטע,
מיט די האַלב אויסגעפּאַכטע נשמות,
האַלב אויסגעפּוילטע הערצער...
אויפן בית־עלמין גייען זיי,
מענער, ווייבער און קינדער גייען;
מיט טאָרבעס,
מיט קבצנישע טאָרבעס
אויף די געבויגענע אַקסל
גייען זיי...
און זע, מענטש, וואָס זיי טוען! —
צו די פרישע קברים גייען זיי,
צו די קדושים —
און עפענען די קברים אויף —
און צרייסן זייערע לייבער
מיט די תכריכים צוזאַמען,
אויף שטיקער, אויף שטיקער צרייסן זיי.
און יעדערער כאַפּט א שטיק,
יעדערער אין טאָרבע אריין א שטיק,
זיי וועלן בעטלען גיין
אין נאָמען פון די קדושים,
מיט זייערע פלייש אוןביין, —
פון יריד צו יריד וועלן זיי גיין
פון שטאָט צו שטאָט
און בעטלען:
זעט דאָס הייליקע פלייש, — רחמים!
די הייליקע ביינער זעט — רחמים!

ייִדן בני רחמנים,
רחמים, אַ גראָשן גיט!
און אַ לאָמער,
און אַ בלינדער,
און אַן אַלטער: אַ געבויגענער,
און מיט קרומע ביינער
שלעכט גענערטע קינדער
וועלן בעטלען מיטן פלייש
מיט די ביינער פון די קדושים
און לידער זינגען!
קבצנישע הונגער־לידער,
איבער הי יקע,
איבער אומגעקומענע על קידוש־השם — —
פאַר אַ גראָשן!
און אַצינד גענוג, מענטש!
אַנטלויף!
לויף אין דער וויסטעניש אַריין
און שריי — —
אויף ווינט, וואָס יאָגט אין דער מידבר;
אויף זיינע פליגל זאָל ער כאַפּן דיין געשריי
און צעטראָגן אויף אַלע עקן פון דער וועלט,
אָבער קיינער זאָל נישט וויסן. —

HEBREW EDUCATIONAL ALLIANCE
LIBRARY

פון איוב

קאפיטל א

1. א מאן איז געווען אין לאנד עוץ; איוב — זיין נאמען. און דער (מאן — רעד.) איז געווען בראוו, ערלעך און אפגעווענדט פון בייז.
2. און געבוירן זענען אים געווארן זיבן זין און דריי טעכטער.
3. און זיין פי איז געווען: זיבן טויזנט שאף, דריי טויזנט קעמלען, פינף הונדערט פאר אקסן און פינף הונדערט עזעלינען, און א גרויסע ווירטשאפט. און דער מאן איז געווען דער גרעסטער פון אלע לייט אין קדם.
4. גייען זיינע זין און מאכן טרינק־מאלן, יעדער ביי זיך אין הויז, אין זיין טאג, און רופן צו זייערע דריי שוועסטער, זיי זאלן עסן מיט זיי און טרינקען.
5. און אז עס זענען אריבערגעגאנגען אלע טרינק־מאל טעג, שיקט נאך זיי איוב, הייליקט זיי, פעדערט זיך באגינען און ברענגט בראנד־אפער לויט דער צאל פון אלע. דען געטראכט האט איוב, פיליכט האבן מיינע זין געזינדיקט, געלעסטערט דעם אלמעכטיקן אין הארץ... אזוי פלעגט איוב שטענדיק טון.
6. איינמאל, ווען די יונג־אלמעכטיקע זין שטעלן זיך פארן אייביקן איז צווישן זיי אויך דער שטערער 1) געקומען.
7. האט דער אייביקער געזאגט צום שטערער: פון וואנען קומסטו? ענטפערט דער שטערער דעם אייביקן און זאגט: פון דורכשטרייפן די ערד און ארומוואנדערן איבער איר.
8. האט דער אייביקער געזאגט צום שטערער: האסטו באמערקט מיין קנעכט איוב? נישטא נאך אויף דער ערד אזא בראוווער, ערלעכער, גאטספארכטיקער מאן און אזוי אפגעווענדט פון בייז.

---

1) דער שטן — רעד.

9. ענטפערט דער שטערער דעם אייביקן און זאָגט: אומזיסט דען האָט איוב פאָרכט פאַר דער אַלמאַכט?
10. דו האָסט דאָך ארומגעצוימט אים און זיין הויז און ארום אַלעם, וואָס איר געהער. וואָס זיינע הענט טוען איז פון דיר געבענטשט, און זיין פי — איבער לאַנד צעשפּרייט.
11. שטרעק נאָר אָבער אויס דיין האַנט און ריר אָן דאָס זייניקע, צי וועט ער דיך נישט לעסטערן אין דיין אָנגעזיכט?
12. האָט דער אייביקער צום שטערער געזאָגט: באַקומסטו אין דיין האַנט אַריין אַלץ, וואָס אים געהער. נאָר אים אַליין ריר נישט מיט דיין האַנט. איז דער שטערער אַפּגעגאַנגען פון אייביקנס אָנגעזיכט.
13. און אין א טאָג, ווען זיינע (איובס) זין האָבן געשפּייזט און וויין געטרונקען אין הויז פונעם עלטסטן ברודער.
14. איז געקומען א באָט 2) צו איוב און האָט אים אָנגעזאָגט: די קינדער האָבן געאַקערט, און די עזעליען — געווײדעט זיך ביי זיי אין דער זייט.
15. איז אָנגעפאַלן שבאָ און זיי פאַרכאַפּט, די דינער דערשלאָגן מיט דער שווערד, און נאָר איך איינער בין אַנטרונען און געלאָפן אָנזאָגן דיר.
16. דער רעדט נאָך און א צווייטער קומט און זאָגט אָן: גאָטס א פייער איז אַראָפּ פון הימל, אונטערגעצונדן די שאָף און די קנעכט און אַלע פאַרברענט. איך איינער בין אַנטרונען דיר אָנצוזאָגן.
17. רעדט נאָך דער און א דריטער קומט און זאָגט: כשדים, אין טיילן געטיילט, זענען באַפאַלן און פאַרנומען די קעמלען, די קנעכט מיט דער שווערד דערשלאָגן. איך איינער בין אַנטרונען דיר אָנצוזאָגן.
18. רעדט נאָך דער און נאָך איינער קומט און זאָגט: דיינע זין און דיינע טעכטער האָבן געשפּייזט און וויין געטרונקען אינעם עלטסטן ברודערס הויז.
19. איז א ווינט א שטאַרקער אָנגעקומען פון וויסטעניש, אָנגענומען אַלע פיר ווינקלען פון הויז, און ס'איז איינגעפאַלן אויף די יונגען, אַלע געטויט, און איך איינער נאָר בין אַנטרונען, דיר דאָס אָנצוזאָגן.
20. איז איוב אויפגעשטאַנען, איינגעריסן זיין געוואַנט, געריסן די האָר און צו דער ערד געפאַלן און געבוקט זיך.

2) א שליח — רעד.

21. און געזאָגט האָט ער: נאַקעט בין איך פון מיין מוטערס לייב ארויס, און נאַקעט וועל איך אויך צוריקגיין אהין... דער אייביקער האָט געגעבן, דער אייביקער האָט גענומען. געבענטשט זאָל זיין דעם אייביקנס נאָמען!
22. ביי אַלעם דעם האָט איוב נישט געזינדיקט און דעם אַלמעכטיקן קיין טאדל נישט געגעבן.

קאַפּיטל ב

1. און עס איז געווען דער טאָג, און עס זענען געקומען די זין דעם אַלמעכטיקנס זיך צו שטעלן פאַרן אייביקן. איז געקומען צווישן זיי אויך דער שטערער און געשטעלט זיך פאַרן אייביקן.
2. און געזאָגט האָט דער אייביקער צום שטערער: פון וואנען קומסטו? און דער שטערער ענטפערט דעם אייביקן און זאָגט: פון שוועבן איבער דער ערד און וואנדערן אויף איר.
3. און דער אייביקער זאָגט צום שטערער: האָסטו באַטראַכט מיין קנעכט איוב? עס איז נישטאָ נאָך אויף דער ערד אזא בראווער, ערלעכער און גאָטספאַרכטיקער מאַן און אַן אָפּגעווענדטער פון בייז, און ער האַלט זיך נאָך אזוי בראוו, און דו האָסט מיך אומזיסט אָנגערעדט איך זאָל אים פאַרדערבן.
4. און דער שטערער ענטפערט דעם אייביקן און זאָגט: הויט פאַר הויט! וואָס אַ מענטש האָט גיט ער אָפּ פאַר זיין לעבן!
5. אָבער שטרעק אויס דיין האַנט, ריר אָן זיין ביין און זיין פלייש, אויב ער וועט דיך אין דיין אָנגעזיכט נישט לעסטערן!
6. און דער אייביקער האָט דעם שטערער געזאָגט: איז ער אין דיין האַנט, נאָר זיין לעבן היט!
7. איז דער שטערער אַוועק פון אייביקנס אָנגעזיכט און האָט געפּלאָגט איובן מיט אַ בייזן גרינד פון פוסבאַלן ביזן שפּיץ פון קאָפּ.
8. און דער נעמט אַ שאַרבן דערמיט זיך צו קראַצן און זעצט זיך אין אַש אריין.
9. און עס זאָגט צו אים זיין פרוי: האַלטסט דיך נאָך אָן דיין בראַווקייט? לעסטער דעם אייביקן און שטאַרב!
10. און ער האָט געזאָגט צו איר: ווי איינער פון די נידריקע רעדסטו. דאָס גוטע זאָלן מיר פון מעכטיקן נעמען און דאָס שלעכטע נישט? און איוב פאַרזינדיקט זיך נישט מיט זיינע ליפּן.

11. האָבן געהערט דריי פֿרײַנט איובס וועגן דעם גרויסן אומגליק, וואָס איז אים געטראָפֿן, און זיי זענען געקומען, יעדערער פֿון זײַן אָרט: אליפז פֿון תימן, בלדד פֿון שוח און צופֿר פֿון נעמה, און האָבן זיך אָפּגעשטעלט צוזאַמען צו אים צו קומען און צו טרייסטן.
12. האָבן זיי פֿון ווײַטן די אויגן אויפֿגעהויבן און האָבן אים נישט דער־קענט. און זיי האָבן אויפֿגעהויבן זייערע שטימען און האָבן זיך צעוויינט, רײַסט יעדערער איין זײַן געוואַנט און האָבן געוואָרפֿן אי־בער די קעפּ אַש קעגן הימל.
13. און זיי זענען געזעסן מיט אים אויף דער ערד זיבן טעג און זיבן נעכט און נישט גערעדט צו אים קיין וואָרט. זיי האָבן געזען, אַז דער ווייטיק איז צו גרויס.

קאַפּיטל ג

1. דאַן האָט איוב געעפֿנט זײַן מויל און געפֿלוכט זײַן טאָג.
2. און ער האָט אויסגערופֿן און געזאָגט:
3. פֿאַרלוירן האָט געזאָלט ווערן דער טאָג, וואָס איך האָב געדאַרפֿט געבוירן ווערן אין אים, און די נאַכט, וואָס האָט אָנגעזאָגט: באַ־פֿרוכט האָט אַ מאַן!
4. יענער טאָג זאָל זײַן פֿינצטערניש, דער מעכטיקער פֿון דער הייך זאָל אויף אים נישט פֿרעגן, און נישט אויפֿשײַנען זאָל אים אַ ליכטיקער גלאַנץ.
5. אײַננאָרען זאָלן אים פֿינצטערניש און טויטע שאָטן, איבערהילן זאָל אים אַ וואָלקן, שרעקן זאָלן אים די טאָג פֿאַרשווארצער.
6. און יענע נאַכט־פֿינצטערניש זאָל זי פֿאַרנעמען, נישט באַהעפֿטיקט מיט די טעג פֿון יאָר, אין דער צאָל פֿון מאָנאַטן נישט אַרײַנקומען
7. זאָל יענע נאַכט זײַן פֿאַראײַנזאַמט, עס זאָל זיך אין איר קיין געזאַנג נישט הערן.
8. פֿאַרשעלטן זאָלן זי די, וואָס פֿלוכן דעם טאָג, וואָס זענען גרייט דעם לויתן 1) צו וועקן!

---

1) די ערד שטייט אויף אַ פֿאַרשלאָפֿענעם וואַלפֿיש; אויפֿגעוועקט וועט ער זיך אַ ריר טון און איבערקערן די וועלט. י. ל. פּ.

9. פאַרפינצטערט זאָלן ווערן אירע אָונטשטערן, האָפן זאָל זי אויף ליכט און עס זאָל נישט זיין. זי זאָל די ברעמען פון מאָרגנשטערן נישט זען.
10. ווייל נישט פאַרשלאָסן האָט זי די טירן פון מיין טראַכט, וואָס וואָלט דאָס אומגליק פאַר מיינע אויגן פאַרבאָרגן.
11. פאַרוואָס האָב איך נישט געזאָלט פון טראַכט אַרויס — שטאַרבן, פון לייב אַרויס — און אויסגעגאַנגען?
12. צו וואָס האָבן מיך אויפגענומען קניען, די בריסט — איך זאָל זויגן?
13. איך וואָלט דאָך איצט געלעגן און שטילקייט געהאַט; געשלאָפן און געהאַט רו.
14. גלייך מיט קעניגן און ראָטן פון לאַנד, וואָס בויען זיך רואינען. 1)
15. אָדער מיט הערן גאָלדבאַזיצער, וואָס פילן זייערע הייזער מיט זילבער.
16. אָדער וואָלט איך ווי א פאַרבאָרגענער אבאָרט צו נישט געוואָרן, גלייך די קליינע, וואָס האָבן קיין ליכט נישט געזען!

1) וואַרשיינלעך די פאָרעם פון הייזער אויף נאָכן טויט. — י. ל. פּ.

קינדער-לידער

מוטער - לידער

1

קוק איך מיין קינדעלע - קליין
אין ד׳אויגן אריין,
מיין איך, די גאנצע וועלט איז מיין!
ווען איך דיינע בעקעלעך קיש,
ווער איך געזונט און פריש, —
פריש און געזונט זאָלסטו מיר זיין!

2

יעדע מוטער ליבט איר קינד,
אז עס איז דאָס בעסטע;
איך האָב א קינד און ליב עס נישט,
און ווייס: עס איז דאָס בעסטע!

יעדע מוטער ליבט איר קינד,
אז עס איז דאָס שענצטע;
איך האָב אַ קינד און ליב עס נישט,
און ווייס, עס איז דאָס שענסטע!

יעדע מאַמע ליבט איר קינד
און אומזיסט דאָס ליבן;
מען שאָקלט מיטן קאָפּ נאָר צו, —
קיינער וועט נישט גלויבן!

איך האָב דאָס שענסטע, בעסטע קינד
און טו עס גאָרנישט ליבן,
כאָטש ווער אויגן האָט, דער זעט,
און באַדאַרף נישט גלויבן!

3

צו די פיסלעך

(ביים אָנטון שיך - און - זעקלעך)

— קונדייסימלעך, גוט מאָרגן אייך!
ווי הייסט איר דען, ווי רופט מען אייך?
— איך, דאָס רעכטע — ליפּערמאַן!
— איך, דאָס לינקע — שפּרינגערמאַן!
— ליפּערמאַן, וואָס ליפּסטו נישט?
האָט דער שלאָף דיך נישט דערפרישט?
— אוי, איך בין געזונט און פריש, —
באָרוועס ליפן וויל איך ניש'!
— הוש, הוש! קונדעס - קליין
אין זעקל אריין!
פאר דיר אַ זעקל אויך פאראַן, —
הוש אַריין, דו שפּרינגערמאַן!
— וואָס פעלט אייך נאָך, וואָס רוט איר נאָך?
— שיכעלעך, שיכעלעך ווילן מיר נאָך!
— אָט שיכעלעך און צוגעשנירט,
אצינד, קונדייסים, רירט אייך, רירט!
צונם וואַסער, צו דער שיסל, —
איז דאָס לאָבוסלעך אַ ביסל!

4

אויפהייבנדיק דאָס געפאַלענע קינד

עס איז א מאַן אַריין אין וואַסער
און אַרויס איז ער אַ נאַסער!
כ׳נעם פון וואַסער דיך אַרויס
און טריקן דיר די אייג׳לעך אויס.
מיט אַ טיכל אויסגעווישט, —
מיט קיין הענטל רירט מען נישט!

5

ברייטעלע

ברייטעלע, ברייטעלע-קליין!
ברייטעלע מוז קיילעכדיק זיין!
און איצט שנעל, אין אויוון אַריין!

געגוג אין אייוועלע געזעסן, —
האַם - האַם! אויפגעגעסן!

6

דער הימל טריפט,
זונעלע שיינט, —
ס׳כלה-מיידל
לאַכט און וויינט!

7

לערנענדיק גיין

ענטעלע, ענטעלע, ענטעלע!
פאַרוואָס גייסטו נישט גראַד?
און דאָס ענטל, ענטל זאָגט:
ווייל איך בין נישט קיין סאָלדאַט!
כ׳בין אַן ענטל, כ׳בין אַן ענטל
און זיי מיר ווי די באָבע יענטל
אַהער — אַהין געוואַקלט זיך
אין די שינע רויטע שיך!

8

מיטן קינד טאַנצנדיק

טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ
אינעם בלומען-קראַנץ!
זעסט, דער הימל
לאַכט מיט טרערן, —
וועסט געשווינד
א כלה ווערן!
טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ
אינעם בלומען-קראַנץ!

9

(דאָס זעלבע)

קלעזמערל, שפּיל, קלעזמערל, שפּיל!
טאַנצן וויל מיין מיידעלע!
אינעם גרינעם קליידעלע
טאַנצט עס מיט געפיל, —
שפּיל, קלעזמערל, שפּיל!

10

קעלבעלע

אַ קעלבעלע פאַרמאָג איך — מע-מע! מע-מע!
ס׳קעלבל אויף די אַקסל טראָג איך — מע-מע-מע!
צום מאַרק דערמיט טו איך לויפן,
כ׳וויל דאָס קעלבעלע פאַרקויפן,
קעלבעלע-שוועלבעלע — מע-מע-מע!

קונים, זיך צוזאמענלויפט! מע-מע! מע-מע!
ס׳ווערט א קעלבעלע פארקויפט! מע-מע-מע!
איך פארקויף עס גאָרנישט טייער,
פאַר אַ דרייער, פאַר אַ דרייער!
קעלבעלע-שוועלבעלע — מע-מע-מע!

קונה, קונה, כאַפּ און קויף! מע-מע! מע-מע!
קונה וויל שוין; איך אַנטלויף! מע-מע-מע!
איך פארקויף פאר קיין געלט,
ס׳קעלבל איז מיין גאַנצע וועלט!
דאָס קעלבעלע, דאָס שוועלבעלע
מע-מע-מע!

11

קיכלעך באַקן

איך באַק, איך באַק, איך באַק!
גענומען מעל פון זאַק!
דו, הינדעלע, אַן איי דערלאַנג!
דען דער אויוון ברענט שוין לאַנג!
געשווינד, הינדעלע, געשווינד, —
איך באַק אַ קיכעלע מיין קינד!

12

דריי ווייסע גענדז און דאָס שוחטל

דריי גענדז ווייסע, העלע
זיצן אין האָבער־שטרוי;
געהייסן האָבן זיי אַזוי:
איינע — געלע,
די צווייטע — גרינע,
די דריטע — געגענדל.
די שוחטקע — דעם מאַן נאָך וואַסער שיקט,
גייט ער פאַרביי מיטן קענדל,
און — דריי ווייסע פלעקן דערבליקט.

יאַנקעלע רייט, יאַנקעלע פֿאָרט, יאַנקעלע שליטלט זיך

13

רייט צום פֿרישטיק

דער גענעראַל בום-בום-בום
טוט נישט מער, נאָר רייט אַרום!
מוז אים מיידן אויס איעדער,
ווייל דאָס פֿערדל איז פֿון לעדער
און פֿון פֿימסנהאָלץ די שפּאָרן!
און מען ציטערט פֿאַר זיין צאָרן
און אַט רייט ער צו צום טיש,
איך געשווינד די קאַווע מיש,
טרינק געזונטערהייט און פֿריש!

14

אויפֿן שטעקן

נעמט יאַנקעלע זיין שטעקעלע
און — אַ לאָז זיך צו דער טיר!
און די מאַמע: ווי צו מיר,
דו פֿאַרלאָזט מיך, יאַנקעלע?!

— יאָ, יאָ, מאַמעשי, איך פֿאָר,
גענוג שוין אינדערהיים געזעסן,
נאָר געטרונקען און געגעסן, —
כ'בין שוין באַלד דאָס פֿינפֿטע יאָר!

עס איז שוין צייט די וועלט צו זען!
פעלד און וואלד, טייך און באַרג!
געזונט זיי, מאַמעשי, און שטאַרק!
און די מאַמע: — ווי געשען!

יאַנקעלע, וווּ לאָזטו מיך?
אָן דיר וועט מיר זיין צו שווער!
— מאַמעשי, איך קען נישט מער,
און ביים טאַטן לאָז איך דיך!

ער וועט פאַרטרעטן מיך ביי דיר,
נישקשה, ביסט ביי'ן אים געשעצט!
און אויפן שטאָק זיך אויפגעזעצט
און — אַ ריט אַרויס פון טיר!

15

אין שליטן, צו די עסקימאָסן

מאַמע, מאַמע, זיי געזונט!
איך שליטל זיך אַוועק!
וווּ די וועלט האָט נאָר אַן עק, —
צו די עסקימאָסן!

— און וואָס וועסטו דאָרטן טון?
— איי, וואָס דאָרטן טון איך וועל?
איך וועל קליידן זיך אין פעל,
טראָגן וואסער-שטיוול!

— אָבער, קינד מיינס, דאָרט איז קאַלט!
דאָרט איז אייביק שניי און אייז!

— שאַט נישט, מאַמעשי, איך ווייס!
איך מאַך אַ שטיבל מיר פֿון שניי!

— עס איז פֿינצטער אָן אַ פֿענצטער!
איך שיס אַ וואַלפֿיש מיט אַ פֿייל,
און נעם ביין איר צו לעמפּל-אייל,
טאָג און נאַכט דאָס לעמפּל ברענט!

— וואָס וועסטו טון אַ גאַנצן טאָג?
— אַרבעט איז גענוג פֿאַראַן.
איך כאַפּ אַ רענטיר, און איך שפּאַן
אין שליטל איין און יאָג!

16

אויפֿן פֿערדל פֿאַרן שלאָף

— פֿערדעלע, שפּאַן! פֿערדעלע שפּאַן!
רייטן וויל — מיין רייטערמאַן!
געריטן און — געבליבן שטיין,
ס'פֿערדל וויל נישט ווייטער גיין!

— וואָס האָסטו, פֿערדעלע, דערזען,
וואָס דו ווילסט נישט ווייטער גיין?
— אַ וואַסערל! איך וויל אַ טרונק!
פֿאָיע איך אָן דאָס פֿערדל פֿלינק!

ווייטער, ווייטער, ווייטער רייט!
געריטן אָפּ אַ היפּשע צייט,
געריטן און — געבליבן שטיין, —
ס'פֿערדל וויל נישט ווייטער גיין!

וואָס האָסטו, פערדעלע, דערזעו,
וואָס דו ווילסט נישט ווייטער גיין?
— אוי, אַ לאַנקע צופּט אין נעזל;
כאַפּ א גרעזל, צופּ א גרעזל!

אָפּגעגעסן? ווייטער רייט!
געריטן אָפּ אַ היפּשע צייט!
געריטן און געבליבן שטיין, —
ס'פערדל וויל נישט ווייטער גיין!

וואָס האָסטו, פערדעלע, דערזען,
וואָס דו ווילסט נישט ווייטער גיין?
— אַ שלאַגבאַן! אַ שלאַגבאַן!
אין בעט אַריין, דו רייטערמאַן!

17

דאָס הענטל

(די פינגער איבערקלייבנדיק)

ס'קלענסטע ברידערל זאָגט אין דער שטיל:
איך, קליין ברידערל, פלימעלעך וויל!
דאָס צווייטע זאָגט: איך וויים שוין לאנג,
די מאַמע פלוימען האלט אין דער גרויסער שאנק,
וואָס קומט אַרויס? דאָס דריטע ברידערל טראַכט:
שטענדיק איז די גרויסע שאנק פאַרמאַכט!
דאָס פערטע זאָגט: אויפהייבן זיך אביסל,
אויף דער וואנט דאָרט הענגט דער שליסל!
דאָס פינפטע שרעקט זיך: לאָזט געמאַך,
אַליין צו נעמען אַ מיאוסע זאך!
עס איז א חרפּה און אַ שאַנד!
שטעלט זיך אָפּ די גאַנצע האַנט!

18

דער רייטערמאַן

עס רייט, עס רייט אַ רייטערמאַן
אין שנעלן גאַלאָפּ!
האָפּ-האָפּ-האָפּ!
רייט ער צו, דער רייטערמאַן,
רייט ער צו צו אונדזער הויז;
די מאַמע שטייט און קוקט אַרויס.

שטעלט זיך אָפּ דער רייטערמאַן!
— ליבע פֿרוי,
זאָגט גענוי,
קינדער, וואָס וואָיעווען זענען פֿאַראַן?
קינדער, וואָס שלאָפֿן רואיק נישט איין
כאַפּ איך מיט מיר אין זעקל אַריין!

די מאַמע זאָגט צום רייטערמאַן:
רייטערמאַן,
וויטער שפּאַן!
דאָ זענען נאָר שטילע קינדער פֿאַראַן!
זיי האָרכן מיך און גייען אַליין
אין בעט אַריין און שלאָפֿן איין!

19

קוקו

קוקו, קוקו! זאָג געשווינד,
ווען גענעזן וועט מיין קינד?
קוקו, זאָג! קוקו, זאָג!
„קוקו, קוקו, קוקו!"
דאָס הייסט: צום דריטן טאָג!

קוקו, נאָך־וואָס לאָז מיך הערן?
ווען עס וועט א חתן/כלה־ווערן?
קוקו, קוקו, קוקו, קוקו...
קוקו, ציש!
לענגער ווארטן קען איך ניש׳!

און ווי לאַנג מיר לעבט מיין קינד?
נאָך דאָס איינע זאָג געשווינד!
קוקו, קוקו, קוקו, קוקו, קוקו...
קוקו־קוקו — הער נישט אויף,
זאָל עס לעבן אָן א סוף!

שלאָף־ און וויגן־לידער

20

אוי, אוי, אוי! וועמען איך דערשפיר?
ווער ליגט עס דאָ אין בעט ביי מיר?
איי, דאָס ליגט מיין קינדעלע קליין,
גראָבט מיר אין האַרץ דאָס קעפּעלע איין,
בין איך געווים, אז שטיל און פיין
מיין זיס קינדעלע שלאָפע וועט
ביי דעם מוטערל אין בעט!

21

דריי ווייבער זיצן איינגעביקט:
איינע פעדערן פליקט,
די צווייטע זאָקן שטריקט,
די דריטע — אַ וויגעלע וויגט:
אַ... אַ... אַ....

22

שטייט אַביימעלע אין פעלד,
האָט עס גרינע צווייגעלעך...
שטייט דערויף אַ פייגעלע,
מאַכט עס צו די אייגעלעך!

אויף די גרינע צווייגעלעך
וואקסט אַ גאָלדן עפּעלע!
מאַכט צו מיין קינד די אייגעלעך —
אַ ברכה אויף זיין קעפּעלע!

23

אויף די גרינע צווייגעלעך
שלאָפן איין די פייגעלעך...
די מאַמע זינגט זיי: אַ, אַ...
עס איז א שטילע נאַכט אַזאַ!

24

אליהו הנביא

אליהו הנביא איז א גוטער, איי א גוטער!
איינמאָל קומט ער אין שטוב אריין, בעט מען זיצן.

— זיצט, ר׳ אליהו הנביא, זיצט אַ ווײַלע.
גלעט ער זיך דאָס ווייסע בערדל:

— טאַקע נאָר אויף אַ ווײַלע, כ׳האָב גאָר־נישט קיין צייט... נאָר אָפּצוועטעמען.

— וואָס טראָגט איר עס אויף די פּלייצעס? ר׳ אליה־נביא?

— איר זעט דען נישט, א זעקעלע?

— וואָס טראָגט איר אינעם זעקעלע? שווערע זאכן? אייזן, קופּער?

— ניין, ניין! לייכטע זאכן, גוטע זאכן: ראָזשינקעלעך, מאַנדעלעך און פייגעלעך־זיסע!

— איר האנדלט דערמיט, ר׳ אליהו?

— חס־ושלום, איך האַנדל נישט. דאָס טראָג איך מתנות פאר גוטע קינדערלעך, וואָס וואָיעווען נישט צופיל, עסן צו דער צייט, גייען שלאָפן צו דער צייט, און לאָזן זיך אָפּוואַשן פאַרן שלאָף... גיי איך פון שטוב צו שטוב, דעם — אַביסעלע, יענעם אַביסעלע!

— און אינעם גאַרטל וואָס האָט איר אריינ־געשטעקט?

שמייכלט ער מיט די טויבענע אייגעלעך:
— א ריטעלע! איר זעט דען נישט? א רי-
טעלע צום שמייסן...
— וועמען צו שמייסן, ר׳ אליהו?
— קינדערלעך, וואָס האָרכן נישט, וואָס
עסן נישט צו דער צייט, וואָס גייען נישט שלאָפן
צו דער צייט, וואָס ווילן נישט רואיק ליגן אין
בעטעלע, וואָס וויינען... און, דער עיקר — וואָס
האָבן אַ נאַרישע מורא פאַר קאַלט וואַסער און
לאָזן זיך נישט אָפּוואַשן פאַרן שלאָפן גיין.
— שמייסט איר זיי?
גלעט ער זיך דאָס ווייסע בערדעלע מיטן
קליינעם הענטעלע.
— אי, שמייכלט ער אויפן גאַנצן פּנימל —
אַזוי געשווינד? מען זאָגט איין מאָל, צוויי מאָל,
דריי מאָל...
— און אז מען פאָלגט נישט?
זאָגט מען דאָס פערטע, דאָס פינפטע
מאָל. ביז א ייִנגעלע אָדער א מיידעלע שלאָפט
איין... אַמאָל — זיפצט אָפּ ר׳ אליה — מוז מען
געבן אַ שמיצעלע אויך. נישט ווי צו טון, נאָר
גלאַט אזוי צום פאַרשעמען...
— אָבער געווינלעך, — שמייכלט ער ווי-
דער — שלאָפט מען איין... היינטיקע קינדער-
לעך — פיינע קינדערלעך.

25

שלאָף, מיין קינדעלע, שלאָף!
דער פאַסטעך פירט אַהיים די שאָף!
ער האָט די שאָף אַהיימגעבראַכט
און דאָס שטעלעכל פאַרמאַכט...

נאָך אביסל זאַלץ געלעקט,
נאָך אביסל שטיל געבלעקט...
לאַמטערל וואַרפט א שטילן שיין,
און די שעפעלעך דרימלען איין,

פון א גאַנצן טאָג שוין מיד!
דו, אין דרויסן, הינטל, היט!
הינטל היט, נאָר דו נישט ביל!
און די שעפּ׳לעך דרימלען איין,

26

קעצעלע, שטיל!
מייזעלע, שטיל!
מיין אוצרל
שוין שלאָפן וויל!

קעלבעלע, קעלבעלע,
נישט געמעק׳ט,
און מיין אוצרל
נישט געוועקט!

וואַיעוועס נישט,
דו,ווינטעלע!
שטילער, שטילער,
הינטעלע!

אין מויל פֿאַרבייס
דאָס צינגעלע, —
שלאָפֿן וויל
מיין יינגעלע!

27

אויף די גרינע צווייגעלעך
שלאָפֿן זאָלט איר, פֿייגעלעך!
אין וואסערל — די פֿישעלעך —
אויף די גרינע קישעלעך!
האַלט דעם אָטעם איין, דו ווינט!
איי-ליו-ליו-ליו! שלאָף, מיין קינד!

28

צוגעדעקט די פֿיסעלעך,
כ׳ברענג דיר מאָרגן ניסעלעך,
פֿרישע ניסעלעך פֿון וואלד,
זאָל מיין קינד נאָר שלאָפֿן באלד!
דרימלט איין מיין קינדל פֿעסט,
קומען באלד די ליבע געסט...
קומען, קומען אָנגעפֿלויגן
מלאָכימלעך מיט זיסע אויגן;
די פֿליגעלעך פֿון לויטער גאָלד;

זיי האָבן שטילע קינדער האָלד!
און זיי קומען זיי באַהיטן,
צו באַהיטן און באשיטן
מיט חלומות שטילע, פיינע,
ווי עס פאסט פאר קינדער קליינע...
מאַך נאָר צו די אייגעלעך,
זיי פליען אָן ווי פייגעלעך!
הערסט, מיין קינד, הערסט, מיין קרוין?
די פליגעלעך זיי רוישן שוין...
זיי פליען אָן ווי פייגעלעך,
מאַך נאָר צו די אייגעלעך...
שנעל די אייגעלעך פארמאכט,
האָב א גוטע, זיסע נאַכט!

29

א פיינער דופט פון גערטל ציט,
עס שטייט א רויטער מאָן, צעבליט!
אונטער דער שויב — א רויטע פאָן!
עס קוקט אריין אריין דער רויטער מאָן!
שנעל דיך, קינד מיינס, צוגעדעקט,
קיין פיסעלע ארויסגעשטרעקט!...
עס איז קיל, און ס׳איז שוין שפעט,
און ווען דער רויטער מאָן דערזעט?
א נאַקעט פיסעלע ביינאכט?
דער רויטער מאָן וואָלט רויט געלאכט,
מען וואָלט דערהערט אין טויבנשלאַק!
און די טויב — א פלוידערזאק!
מאָרגן פרי די טויב זיך איילט,

און אלע פייגעלעך פארציילט!
מען קען דאָך נישט אַזוינס פאַרשווייגן:
ציפ-ציפ-ציפ! אויף אלע צווייגן.
אַ נאַקעט פיסל, אפשר צוויי?
איי-איי-איי! איי-איי-איי!

30

ס׳נעסטל ווייך אויסגעבעט,
די שנעבעלעך שוין אָפגעגלעט,
שטיל, די אייגעלעך — פאַרמאַכט!
פייגעלעך, א גוטע נאַכט!

דאָס קעלבעלע אין שטעלעכל
נורעט איין דאָס פעלעכל
אינעם שטרוי, ס׳זאָל וואַרעם זיין,
שלאָפט עס איין, שלאָפט עס איין!

ס׳ליגט דאָס הינטל שטיל אין בויד,
און דאָס העזל אינעם קרויט,
אין שטאַל ביים קליינעם פערדעלע —
ס׳ציגל מיטן בערדעלע!

אויך די קאַץ — שוין אָפגעלעקט,
אויפן אויוון — אויסגעשטרעקט,
אינעם קוימען ליינט די גריל
זיך די קריאת-שמע אין דער שטיל...

קיין געטימל, קיין געווימל,
די לבנה שווימט אין הימל!

שטערנדלעך — זיי רוקן זיך,
זיי זעען דיך און בענטשן דיך!

שוועבן מלאָכים אויף און אָפּ,
שיקן דיר זיסע חלומות אַראָפּ.
שלאָף-זשע איין, שלאָף, מיין קינד!
מאַך די אייגעלעך צו געשווינד!

31

אויפן גרינעם בערגעלע
וואַקסט א יונג ביימעלע
וויל דאָס ביימעלע נישט שלאָפן!

די לבנה טוט עס שטראָפן:
צייט צו דרעמלען, ביימעלע
אויפן גרינעם בערגעלע!

אזוי זאָגן אויך די שטערן,
נאָר דאָס ביימל וויל נישט הערן!
וויל נישט מאכן צו די אויגן!

איז אווינטל צוגעפלויגן:
ביימל, ביימל רואיק זיין!
און שאָקלט עס און וויגט עס איין!

ווינט אַהער, ווינט אַהין
שלאָפן מוז א ביימל גרין!

דרימלט איין דאָס ביימעלע
אויפן גרינעם בערגעלע;
אויפן גרינעם בערגעלע
דרימלט איין דאָס ביימעלע!

32

שטייט אַ בערנבוים אין סאַד,
טראָגט ער באַרן — גאָטס געגנאָד!
לויפֿן קינדר און קייט אַהין,
נאָר די באַרן זענען גרין!
ווער ס׳וויל באַרן,
דער מוז האַרן!
ווערסט קייןביימל איבערשפּאַרן!

און דאָס באַרנביימל זאָגט:
שלאָפֿן גייט אייך ביז עס טאָגט!
דען איך האָב נישט, וואָס צו זאָרגן,
כ׳מאַך זיי רויט און זאַפֿטיק מאָרגן!
ווער ס׳וויל באַרן,
דער מוז האַרן, —
ס׳וועט דאָס ביימל נישט גענאַרן!
אוי, מיין קינד האָט באַרן האָלד,
מאָרגן — באַרעלעך ווי גאָלד!
הער-זשע וואָס דאָס ביימל זאָגט,
רואיק שלאָף דיר ביז עס טאָגט!
ווער ס׳וויל באַרן,
דער מוז האַרן, —
ווערסט קיין ביימל איבערשפּאַרן!

33

ליגט א העזעלע אין קרויט,
העזל קיינעם נישט געטרויט;
שלאָפֿט׳ קיין אויג נישט צוגעמאַכט, —
יעגער נאָך זיין לעבן טראַכט!

יעגער שטיל אין פעלד זיך שלייכט
ביז ער האָט דאָס קרויט דערגרייכט.
פּיף-פּאַף! נישט געטראָפֿן!
לאַנג דאָס העזל שוין אַנטלאָפֿן!

ס׳האָט דערשמעקט אים מיטן נעזל,
ערגעץ אַנדערש שלאָפֿט דאָס העזל,
שלאָפֿט, קיין אויג נישט צוגעמאַכט.
העזעלע, אַ גוטע נאַכט!

יעגערל נישט שיסן וויל
אָפּגעגאַנגען אין דער שטיל!
נאָך דיין לעבן מער נישט טראַכט,
אַ גוטע נאַכט! אַ גוטע נאַכט!

34

ווינטער־צייט

שלאָף, מיין קינד, עס איז שוין שפּעט!
ווינטערמאַן אין דרויסן טרעט!

אין ווייסן מאַנטל טרעט דער גרייז,
פֿאַרבט אונדז אַלע דעכער ווייס!

אויפֿן פֿריש געווייסטן דאַך
שטייען קראָען גאָר אַ סך!

לייענען קריאת-שמע: קראַ-קראַ-קראַ...
און איינגעשלאָפֿן אַלע, שאַ!

35

וואָרעם איז דיר, שלאָף מיין קינד!
אין דרויסן שאַלט א שטורעם-ווינט;
ווייסטו קינד מיינס, וואָס ער שאַלט?
עס איז קאַלט, אין דרויסן קאַלט!
ווינטערמאַן קומט שוין באַלד!

מיט די בלאָע הענט און פיס,
נ׳ווייסן מאַנטל שפּאַנט דער ריז.
ברעמען — ווייס, אויגן — ווייס
און די באָרד איז צאַפּן-אייז, —
אַזוי שפּאַנט דער גראָער גרייז!

36

ביים קראַנקן קינד

די לבנה שיינט..
מיין קראַנק (יינגעלע / מיידעלע) וויינט.
אַזא שטיק שוין אין דער נאַכט,
נאָך קיין אייגל צוגעמאַכט!

דער זייגער — עלף!
גאָטעניו, ליבער, העלף!
גאָט, וואָס אַלע קראַנקע היילט,
צוועלף האָב איך שוין אָפּגעציילט!

איינס און צוויי...
אוי, ליבער גאָט, שטיי מיר ביי!
שלאָגט דער זייגער דריי און פיר, —
לאָז עס, ליבער גאָט, ביי מיר!

דער זייגער שלאָגט:
פינף... זעקס, און עס טאָגט,
שיינט די ליבע זון אריין!
מיין יינגעלע/מיידעלע גענאָסן האָט!
אוי, איך דאנק דיר, ליבער גאָט!

זיבן, אַכט!
שוין פארביי די שרעקלעכע נאכט...
שלאָפט מיין קינד. ניין און צען!
כ׳וועל נאָך אָן דיר נחת זען!

צאָלן, אלף בית, רעטענישן

1

דער טאַטע — איינס!
די מאַמע — איינס!
איינס און איינס איז צוויי!
און אַז איך נאָך בין דערביי, —
איינס און צוויי איז דריי!
די מומע גייט, איך עפֿן איר, —
דריי און איינס, — וועט זיין שוין פיר!

2

אלף — בית — גימל!
ס'איז דאָ אַ גאָט אין הימל!
דלת, הא און ויו, —
מיר זענען זיינע שאָף!
שין, חית און טית
דערינען נישט פֿאַרגעס!
און דאָס צענטע אות איז ייד —
גאָט דער פאסטעך, היט!

3

טאַטע - מאַמע זענען אַ פּאָר.
פעטער - מומע — אויך אַ פּאָר.

איך און מײן שװעסטערל — אַ צװילינג.
עס טרעפט אַמאָל אַ דרילינג,
דאָס איז בײ לײבל שוסטער געשען.
פריִער זענען נאָר צװײ געװען,
איז צונדערט פינף צוזאַמען
בײ אײן טאַטע - מאַמען!

שבת בײנאַכט,
דער טאַטע האָט אן אורח געבראַכט
און איז אַמאָל מיט צװײ געקומען, —
בענטשט מען מזומן!
אין סוכה עסט מען אינײנעם
מיט שכנים.
אײנמאָל געזעסן גאַנצע צען, —
איז אַ מנין געװען!

4

אײנס, צװײ, דרײ, פיר, —
קלײנע קינדער זענען מיר!
פינף, זעקס, זיבן, אַכט, —
אונדז דער ליבער גאָט באַװאַכט.
נײן, צען, עלף, צװעלף, —
קומסט אַרײן, זאָג: גאָט העלף!

5

10, 20, דרײסיק, —
ס׳קינדעלע איז פלײסיק!
40, 50, זעכציק, —

ס'איז צום לערנען לעכציק!
70, 80, ניינציק, —
עס איז גאָר איין-און-איינציק!
און וואָס אַצינדערט?
עס ווייסט אַליין, אַז הונדערט!

6

וואָס איז אַזוינס, ווער טרעפט און זאָגט,
וואָס אויף זיך אַביימל טראָגט?
ס'איז אינגאַנצן רונד כמעט,
פון אויבן איז דאָס היטל גלאַט,
די קאָליר איז געל און רויט,
און ווייס דאָס פלייש אונטער דער הויט.
און אינעם פלייש — גריבעלעך,
פינף קליינע שטיבעלעך.
און אין די פינף קעמערלעך
ווינען פינף מענערלעך.
ווייסע מענער זענען זיי,
שוואַרצע קליידער טראָגן זיי!
יעדעס אין זיין שטיבעלע,
יעדעס אין זיין גריבעלע.
און אינגאַנצן זיס און ווייניק,
און צום עסן גאָר אַ תענוג!
און ס'שטעכן עס די קינדער אָן
שימחת - תורה אויפן פאָן!
ווער עס טרעפט, דער באַקומט עס!

7

וואָס איז שווערער, —
אַ פונט וואטע, אַ פונט פּוטער, צי אַ
פונט אייזן?

8

לייט
מעסטן די צייט.
אויף וואָס?
— אויפן זייגער! גוט!
און וואָס די קלענסטע מאָס?
אַ סעקונדע.
מער? אַ מינוט!
נאָך מער — אַ שטונדע!

9

וויפל טעג האָט א וואָך?
זיבן. זעקס און שבת קודש.
זאָג מיר נאָך:
וויפל וואָכן האָט א חודש?
פיר! און אַ יאָר!
52! אויבעט וואָר!

10

אַ טאָג מיט אַ נאַכט אָדער אַ נאַכט צוזאַ-
מען מיט אַ טאָג איז אַ מעת-לעת.
אַ מעת - לעת האָט פיר-און-צוואַנציק
שטונדן.
די שטונדן פון טעג באַזונדער און נעכט
באַזונדער זענען נישט גלייך.
זומער — גרויסע טעג און קליינע נעכט.
ווינטער פאַרקערט — קליינע טעג און
גרויסע נעכט.
פאַראַן דעריבער אַ קורצער פרייטיק.

11

אלע זייגערס ווייזן די שטונדן, גייענדיק.
וועלכע ווייזן שטייענדיק? (דער זון-זייגער).
זאָג מיר נאָך אַצינד
וועלכער זייגער רינט? (אַ זאַמד-זייגער).
פאַראַן זייגערס, וואָס קלינגען,
אַנדערע שפּילן, נאָך אַנדערע זינגען,
עלעקטרישע שפּרינגען!
פאַראַן אַ זייגער, וואָס צו דער סעקונדע,
קומט אַרויס אַ קוקו יעדע שטונדע
און מאַכט קו-קו, קו-קו! צוויי, דריי מאָל,
און נאָך — מיט קונצן אָן אַ צאָל!

שפילן

1

באַל־שפיל

צו דער וואנט!
שפרינג צוריק!
אין אויגנבליק
צו דער האַנט!

צו דער וואַנט!
צוריק צו מיר!
איינס און צוויי,
דריי און פיר!

פינף און זעקס,
שטארקער קלאפ!
איך ווארף און כאַפ
ווארף און כאַפ!

אַהין — צוריק!
זיבן, אַכט!
דאָס מייסטערשטיק
איז אָפּגעמאַכט!

2

בעלעכל, בעלעכל! צו דער וואַנט,
איך — אַ פּעטשל מיט דער האַנט,
און געכאַפּט אין אויגנבליק!

צינד פּאַטש איך נאָך איינס און צוויי
און שפּרינג אונטער נאָך דערביי
און כאַפּ דיך, בעלעכל, צוריק!

3

צינד מיט כוח
צום באַלקן הויך!
צוריק אַראָפּ
און שלאָג זיך אָפּ
קאַפּויר און שפּרינג
צום באַלקן פלינק!

און צו דער ערד
צוריקגעקערט!
אַרויף — אַראָפּ!
אַראָפּ — אַרויף!
כ׳כאַפּ דיך אין
דער לופט אויף!

4

צו דער ערד! צו דער ערד!
צו דער האַנט צוריקגעקערט!
דו שפּרינג, איך שלאָג,

דו ווייטער יאָג.
דו קאַרג קיין מי
אַלץ ווייטער פלי!
אויף כּף - הקלי
פליט מיין באָל!

5

איך צו דיר,
דו צו מיר!
און אַצינד נאָך אַמאָל, ווי פריִ׳ר!
פון מיר א גרוס,
פון דיר אַ גרוס!
אזוי פליט עס אָן א שיעור!

דיר געשענקט,
צו מיר געלענקט!
איינס און צוויי, דריי און פיר!
און נישט געטראכט,
נאָר שנעל געמאַכט!
פינף, זעקס, זיבן, אַכט!

מיט פעסטן בליק —
אַהין - צוריק
דערגייט ביז צען —
אַ מייסטערשטיק!

6

מיט דער לינקער האנט געקלאפּט,
מיט דער רעכטער האַנט געכאַפּט!

מיט דער רעכטער וואַרפט זיך פלינקער,
מוז מען כאַפּן מיט דער לינקער!

צינדערט גייט שוין גאָרנישט שלעכט, —
רעכטס און לינקס גלייך בארעכט!

און עס גייט אַלץ פלינקער, פלינקער!
מיט דער רעכטער, מיט דער לינקער!

7

אויף אַלע זייטן פון דער וועלט
דריי איך מיך מיט דיר ארום,
און איך ווארף דיך אין דער לופטן
און איך כאַפּ דיך אומעטום!

אויף אַלע זייטן ווארף איך דיך!
מיזרח, מערב, צפון, דרום!
וויל איך, גייסטו דורך אַן אָרעם,
וויל איך, גייסטו דורך דער קני!

נאָר געפלויגן, נאָר געפלויגן,
יאָג איך דורכן עלנבויגן,
צי איך יאָג דיך דורך דער קני — —
פלי נאָר, פלי!

8

פלינקער! פלינקער! ריר זיך, ריר!
איך — צו דיר און דו — צו מיר!
צו דערזועלבער צייט געקלאַפּט;
אין דערזועלבער צייט געכאַפּט!
אַ פויגל פליט פון האַנט צו האַנט,
אזוי שפּילן מיר ביינאַנד!
און דערשפּילן מיר ביז צען,
וועט א מייסטערשטיק געשען!

סאָלדאַטן־שפּיל

1

ביסט, מיין ברודערל, רעקרוט!
ווילסטו ווערן א סאָלדאַט?
האָסטו נאָך צו לערנען פיל!
צו אַלעם ערשטן: האַלט דיך גראַד!

ביסט מיין ברודערל רעקרוט
און דו פאָלג דיין אָפיציר
און געשווינד: די האַנט צום קאַסק,
אז דו שטעלסט זיך אָפּ פאר מיר!

צינדערט גיי! פעסט מארשיר!
ווייטער, ווייטער, ווייטער גיי!
גיי, כאָטש אין דער וואַנט אַריין,
ביז איך קאָמאַנדיר נישט: שטיי!

זיך אויסגעהוסט און אויסגעניסט
און ווייטער, ווייטער פעסט מאַרשירט!
דעם רעכטן פוס, דעם לינקן פוס,
ביז עס ווערט נישט קאָמאַנדירט:

לויף - לויף! דאַן הייב די פיס!
און לויף, און לויף פעסט און גראַד!
און אַז דו גיין און לויפן קענסט,
ועסטו ווערן אַ סאָלדאַט!

2

אינעם פרישן, גרינעם מאַי...

אינעם פרישן גרינעם מאי,
איינס-צוויי! איינס-צוויי!
מיר מאַרשירן טריט ביי טריט!
די קעפּ ארויף, די בליקן פעסט!
און די ברוסט אַרויסגעפּרעסט!
מיר פאַרכטן זיך פאר קיינעם נישט!

דעם רעכטן פוס, דעם לינקן פוס,
ווער באַגעגנט, מיידן מוז!
פעסטע ברייטע טריט געשטעלט!
און געטעמט טיף און פריי
אינעם פרישן גרינעם מאי!
אונדזער איז די פרייע וועלט!

3

באַלאַגערונג

מאכט אַ ראָד, פלינק אַ ראָד:
מיר באַלאַגערן אַ שטאָט!
שוועבן, שוועבן! שוועבן, שוועבן!
די פעסטונג מוז זיך אונטערגעבן!

אָפּגעשטעלט זיך! העלד ביי העלד!
פיילנבויגן אויסגעשטעלט!
אַ צי, אַ לאָז — פליט די פייל,
טרעפט זי אויף אַ גאַנצע מייל!

צינד זאָל שאַלן די טראָמפּייט,
פון דער קעסל-פויק באַגלייט:
טרא-רא-רא! בום-בום-בום!
פעסטער נעמט די שטאָט ארום!

איינגעפאלן איז די מויער,
איינגעריסן זיך אין טויער!
בום-בום! טאַראַ, טאַראַ!
הוראַ! הוראַ! הוראַ!

4

פלעצער-כאַפּן

(מען שטעלט שטולן, מיט איין שטול ווייניקער אַלס קינדער).

שפּיל-פירער.

(פירט די קינדער ארום די שטולן).

רונד, רונד! רינגל-רונד!
עס בילט דער הונט,
עס מיאַוט די קאַץ, — —

(ראש).

כאַפּט א פּלאַץ!

(קינדער צעלויפן זיך, כאַפּן ערטער).

די זיצנדיקע קינדער.

(אויפשטייענדיק, צום געבליבענעם אָן אַן אָרט).

ביסט געבליבן אָן א שטאָט,
פיר דאָס ראָד, פיר דאָס ראָד!

דער נייער פירער.

רונד, רונד, טריט ביי טריט,
ס'גייען אַלע קינדער מיט.

שטיל, נישט אויסגערעדט קיין וואָרט!
הוש-הוש-הוש! כאַפּט אַן אָרט!
(ווי פריער).

קינדער רופן: מאַמע, עסן!
האָסט די קינדערלעך פאַרגעסן!
וואָס-זשע ווילט איר? — מאַמע, פיש!
הוש-הוש-הוש! שנעל צום טיש!
(ווי פריער).

קינדער ליבע, זעט נאָר, זעט!
ס'אַר א הויפן קויטיק גרעט!
אוי, דעם קעסל רייבט און קראַצט!
הוש-הוש-הוש! דער קעסל פּלאַצט!
(ווי פריער).

קינדער, זאַכט! קינדער זאַכט!
מיר שפּאַצירן ביי דער נאַכט!
האַלט אייך איינס אָן צווייטן אָן!
הוש! געקרייעט האָט דער האָן!
(ווי פריער).

5

בעקן־ברויט

שפּיל - פירער.

אין בעקן ברויט שפּילן מיר.
קינדער — פינף, ערטער — פיר.
הוש! הוש! פּלאַץ געכאַפּט!

די קינדער אויף די ערטער, צום געבליבענעם:

האָסט קיין אָרט פאר זיך דערטאַפּט,
ביסט געבליבן אין א נויט,
גיי ארום נאָך בעקן-ברויט!

(צו די אנדערע).

און ווען זי גייט, נישט גערוישט,
נאָר זיך שטילערהייט געטוישט!

— בעקן-ברויט, בעקן-ברויט!
העלף מיר, שכן, אין אַ נויט!

— מיך נאָר ווייך, מיך נאָר ווייך!
גיי צום צווייטן, ער איז רייך!

— האָסט א פולע קאמער ברויט!
העלף מיר, שכן, אין דער נויט!

— ווייטער, ווייטער, ווייטער וואָגל;
איך געליטן האָב פון האָגל!

טראָג דיך ווייטער, גיי צום דריטן,
וואָס האָט פון האָגל נישט געליטן!

— מ'זאָגט, דיין גוטסקייט איז באַקאַנט,
העלף מיר מיט דיין ברייטער האַנט!

— מ'האָט גענאַרט דיך, ווי איך זע!
ווייטער גיי! ווייטער גיי!
כ'האָב געהאַט און האָב נישט מער,
דער פּערטער טוט דיר דיין באַגער!

(אויב נייטיק — נאָך אַמאָל די זעלבע סטראָפן).

(ביי דער גאַנצער צייט פון ארומגיין זינגען אַלע, וואָס האָבן ערטער, דעם רעפרען):

טווישט איך, טווישט, שטיל געטווישט,
נישט גערווישט!

דער ארומגייער.

(אַ פּלאַש כאַפּנדיק, צו דעם וואָס בלייבט אָן אַ שטעל)

נישט געהאָלפן אין אַ נויט,
גיי-זשע דו נאָך בעקן-ברויט!

6

יעגער און האָזן־שפּיל

(אַן אַרט „ציו-ציו-באָבע" אָדער „בלינע קו")

ד אָ ס ר אָ ד.

(ארום קינד, וואָס שטייט אינדערמיט מיט פארבונדענע אייגעלעך).

ניִשט געשראָקט זיך, העזלעך-קינדער!
זעט, דער יעגער איז אַ בלינדער!
שיין א יעגערל אַזאַ!
כאַ-כאַ-כאַ! כאַ-כאַ-כאַ!
מיט די הענטלעך טוט ער טאַפּן,
ניין, ער וועט קיין העזל כאַפּן!

ד ע ר י ע ג ע ר.

כאַפּט עמעצן.

איך האָב עמעצן דערטאַפּט?

ש פּ י ל - פּ י ר ע ר.

אָבער וועמען אָנגעכאַפּט?
זאָג אונדז שנעל, אויב דו ווייסט,
ווי ס'געכאַפּטע העזל הייסט?

(אז דער יעגער טרעפט נישט).

ניין-ניין-ניין! צום ערשטן מאָל!

(אַז דער יעגער פעלט ווידער).

ניין-ניין! צום צווייטן מאָל!

(אַז ווידער נישט געטראָפן).

צום לעצטן מאָל — צום דריטן מאָל!
נישט געטראָפן, נישט געטראָפן!
דריי מאָל פעלן איז צופיל,
אויפסניי מוז גיין דאָס שפּיל!
און איר, העזלעך, זיך צעלאָפן
זיך צעשפּרייט אויף באַרג און טאָל!
לויפט נאָר שנעלער, לייכטער, גרינגער,
אויף די שפּיצן פון די פינגער...

(צום יעגערל).

גולם, שטיי נישט אויף אַן אָרט!
אַ העזל דאָ, אַ העזל דאָרט!
לויף, טאַפּ,
יאָג און כאַפּ,
אפשר וועסטו טרעפן פאָרט!

(עס ווידערהאָלט זיך ביז דער יעגער טרעפט).

ד ע ר י ע ג ע ר.

איך האָב דערטאַפּט!

ש פּ י ל - פ י ר ע ר.

אָבער וועמען אָנגעכאַפּט!

(יעגער זאָגט).

שפיל-פירער.

ר׳האָט דערשפּירט מיטן נעזל,
פון יעגער ווערט אַ העזל,
און פון העזעלע פאַרקערט...
און דאָס שפּיל — נישט אויפגעהערט!

7

קראַנצן־פלעכטן

— ווילט איר זינגען, ווילט איר טאַנצן,
אָדער ווילט איר פלעכטן קראַנצן?
— יאָ, מיר ווילן פלעכטן קראַנצן
פאַר טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברידער...
— אַלע שוועסטער, אָן גערודער!
זייט איר, ברידער, זעצט אַנידער!

נאַט איך בלומען גאַנצע בינטן:
רויזן, ליליען, היאַצינטן.

(וויזט איינציקווייז. די קינדער רופן אָן).

רויזן, ליליען, היאַצינטן!
ווילט איר פיין די ארבעט פירן,
מוזט אַלע דריי קאָלירן
עס זאָל פאַסן — האַרמאָנירן!

ארבעט

1

דער סקולפּטאָר

איך זיץ נישט ליידיק אין דער היים.
האָב איך צייט נאָר, נעם איך ליים,
קלעפּ איך מיר א מייזל אויס,
מאַך א פייגעלע דערויס,
פון פייגעלע, נישט לאנג געטראכט,
ווערט א ציגעלע געמאַכט,
כ'מאַך א מענטשעלע דערפון!
און וואָס איך וויל! און אויף דער זון
טריקן איך מיין ארבעט אויס:
מענטש און ציג, קאַץ און מויז,
וואָס איך זע נאָר אויף דער וועלט, —
און אין פענצטער אויסגעשטעלט.

2

דער סטאָליאר

ציש, ציש, ציש —
דער סטאָליאר מאַכט א טיש!
ווי ער הובעלט פיין און גלאט,

און שוין פאַרטיק איז דער בלאַט!
ציר, ציר, ציר —
דער טאָקער אין דער צווייטער טיר!
און ער אויך נישט ליידיק זיצט,
מאַכט די פּיס, ווי אויסגעשניצט!
ציר, ציר, ציש, ציש, ציש —
פון פּיס און בלאַט ווערט א טיש!

3

די וועש

ליאַליע, ליאַליע, נאָר נישט וויין,
כ׳לאָז דיך אַ מינוט אַליין!
זע׳מיר אויפגעשטאַנען שפּעט,
און איך האָב צו וואַשן גרעט.
ווי לאַנג, אַז כ׳האָב דיך אויסגעפּוצט?
האָסטו אַלעס שוין פאַרשמוצט!
אי ביים טרינקען, אי ביים נאַשן,
מוז איך וואַשן, וואַשן, וואַשן!
האָסט עס אָנגעשמוצט אַביסל,
קויטיק גרעט אַ פולע שיסל:
אי טיכעלעך, אי זעקעלעך,
און העמדעלעך, און יאַקעלעך...
— דאָס איז ווייך און יענץ איז שטייף —
דאַרפן וועל איך מאַסן זייף!
כ׳מוז די וועש נאָך מאַכן נאַסער,
כל-זמן ס׳איז נאָך היים דאָס וואַסער,
גיסן ווייסעכץ פון דער פלאַש...

און איך וואַש, און איך וואַש!
אויסגעזייפט און אָפּגעשוועקט
און אויף אַ שנירל אויפגעהענגט
ס'זאָל געשווינדער טרוקן ווערן!
זאָלסט מיר, ליאַליע, נאָר נישט שטערן!
וויל נישט טרינקען, וויל נישט עסן,
א רגעלע אָן מיר פאַרגעסן, —
וויל איך פּרעסן, פּרעסן, פּרעסן!

4

דער שמיד

איך האָב צו טון אין שמידעריי,
און דו, בלאָז-זאַק, שטיי מיר ביי!
צי זיך אויס און צי זיך איין,
אינעם פייער פּאָך אריין
און צעפלאַקער מיר די קוילן,
ווייל די קוילן איז באַפוילן,
מיר דאָס אייזן צוצעגליען,
כ'זאָל פון אייזן נעגל ציען...
אָט אַז דאָס אייזן שוין היצט
און אין צוואַנג ביי מיר שוין זיצט,
און אויפן אמבאָס ליגט עס שוין!
צינדערט העלפט מיר, האַמער-קרוין!
פאַלן זאָל זעץ, ווי האָגל!
גיב אַ נאָגל, נאָך אַ נאָגל!
און וואָס פאַרטיק, איז נאָך שלאַק, —

אריין אין קאַלטן וואסער-שאַף!
ציש, ציש, ציש! צוויי, דריי מאָל,
און איז שטארק שוין, ווי אַ שטאָל!

5

דער יעגער

יאנקעלע וויל א יעגער זיין,
יאנקעלע וויל אין וואלד אריין
שיסן וויל ער נאָר אַ בער!
— ווו נעמט מען געווער?

אונדזער יאנקעלע דערזעט —
אין א ווינקעלע א בעזים שטייט!
מיטן בעזים וועט ער יאָגן,
און אַ גרויסן בער דערשלאָגן!

ער קען אין שטוב שוין מער נישט בלייבן!
וויל דעם בעזים אונטערהייבן,
שווערער בעזים קערט זיך איבער
און דער יעגער פאַלט אריבער!

נישט קיין בער און נישט קיין האָז,
און צעשלאָגן זיך די נאָז!
ער וויל שוין נישט אין וואלד אַריין,
ער וויל שוין נישט קיין יעגער זיין!

די סוכה

סוכות איז א וועלט!
דאָס סוכהלע צונויפגעשטעלט
ווערט ביי אונדז אויף גיך, —
דער טאַטע און — איך!

קודם,
כאַפּט מען אַראָפּ די ברעטער פון בוידעם!
אַראָפּגעכאַפּט,
צונויפגעקלאַפּט!
און פאַרטיק די ווענט
(איך לייג צו די הענט!)
הענגט מען אויף די טיר!
וואָס נאָך דאַרפן מיר?
סכך
צום גרינעם דאַך!
שפּאַנט מען שנעל דעם וואָגן איין
און מען פאָרט אין וואַלד אַריין!
אין געזעם אַריין די האַק!
דער טאַטע זעצט זיך אויבנאָן,
איך טרייב אָן;

נעם דאָס בײטשל און קנאַק.
— פלינק, פלינק,
פערדעלע, שפרינג!
אַ מיצווה־זאַך:
צום גרינגעם דאַך
דאַרף מען סכך!
און אָט דער וואַלד!

מ׳נעמט זיך צו דער אַרבעט באַלד!
פייגעלעך אַנטלויפן פאַר שרעק!
פייגעלעך, פייגעלעך, פליט נישט אַוועק,
נישט אײַך פייגעלעך, האָט מען געמיינט!
עס איז נאָר ערב־סוכות היינט,
טוען מיר אַ מיצווה־זאַך,
נעמען ביי די ביימער סכך!
אָפּגעהאַקט און אָפּגעשלאָגן,
שוין מיט סכך אַ פולער וואָגן!
אין געזעס אַריין די האַק.
זיצט דער טאַטע אויבנאָן,
איך טרייב אָן,
פריילעך מיטן בייטשל קנאַק!
פערדעלע, צי!
פערדעלע שפרינג! פערדעלע, פלי!
אַהיימגעקומען צו דער צייט.
אין דער סוכה — אַלץ שוין גרייט.
מיין שוועסטערלס געבענטשטע הענט
אויסגעהאָנגען אַלע ווענט
און די מאַמע דעקט דעם טיש,
און איך אויף דער לייטער פריש

לייג דעם סכך, פלעכט אים פיין.
שטערנדלעך זאָלן קוקן אַריין,
מיר זאָלן זען אין הימל די שטערן.
אָ, ליבער גאָט, פון יום-טוב וועגן,
לאָז קיין ווינט נישט און קיין רעגן,
אונדז די שימחה צו צעשטערן!

7

דער שיפער

ס׳האָט דער רעגן אויפגעהערט,
דער הימל איז שוין אויסגעקלערט,
נאָר די דעכער זענען נאַס,
רינען טייכעלעך אין גאַס,
רינען, רינען, רינען!

כ׳האָב מיין שיפעלע געפונען,
אויפן וואסער עס געלאָזט,
און עס קומט דער ווינט און בלאָזט,
יאָגט מיין שיפעלע געשווינד
אויף די פליגל פונעם ווינט. —
פלי דיר, פלי, מיין שיפעלע!
און וווהין פליסטו, שיפעלע?
— צו דער פרייער וועלט אַהין,
וווּ ס׳איז ליכטיק, וווּ ס׳איז גרין,
פויגל זינגט, בלימל בליט. —
— שיפל, שיפל, נעם מיך מיט!

8

דאָס גערטל

אָט דאָס איז מיין גערטל-קליין,
ארומגעזעצט מיט קיזל-שטיין,
מיט קיזל-שטיין אַרומגעזעצט
און מיט בלומען אויסגעזעצט.
ליבער גאָט, דו גיב א רעגן
פאר די קליינע בלימלעך וועגן!

9

אוי, איך וועל א פרייד דערלעבן!
מיר אין גאָרטן אָפּגעגעבן
אַ בייט א גאנצע, שווארצע ערד, —
פייגעלעך, איר הערט?

געאַקערט דורך האָב איך די בייט
און מיט בלימלעך אויסגעזייט, —
אַ בלימל נאָך אַ בלימל שפּראָצט, —
פייגעלעך, איר גלאָצט?

בלעטלעך זויבער איך גענוי,
דער הימל — נישט געקאַרגט קיין טוי,

וואַקסן בלימעלעך, ווי גאָלד, —
איר האָט זיי האָלט?

שפּרינגט אייך, פייגעלעך, און היפּט,
נאָר קיין בלעטעלעך געציפּט!
קיין שאָדן נישט געמאַכט ביי מיר,
פייגעלעך, קיין ריר!

לאָזט זיי בליען, לאָזט זיי שמעקן
אַנישט, איר זעט, — כ'האָב אַ שטעקן
און צעיאָג אייך, אויב איר שטערט!
פייגעלעך, איר הערט?!

10

ווינטער־אָוונטן

הערט, דער ווינט אין דרויסן ברומט;
מיט לאַנגע נעכט דער ווינטער קומט!
וואָס וועט איר טון ווינטער-צייט,
ווען עס רעגנט און עס שנייט?
אָפּגעלערנט, אָפּגעשריבן, —
און עס איז אייך צייט געבליבן,
און עס רעגנט, און עס שנייט, —
וואָס וועט איר טון ווינטער-צייט?!
זאָגט אַ מיידל: ווינטער-נעכט, —
גאָרנישט שלעכט;
איך פאַרליר קיין אויגנבליק —
איך העפּט און שטריק,
איך שטעפּ און ניי
און זינג אַ לידעלע דערביי, —
און דער אָוונט איז פאַרביי!
ד'אַנדערע זאָגן: „גאַנץ געטריי!
מיר אויך אַזוי, מיר אויך אַזוי!"
ווייל עס פּאַסט אַזוי פאַר מיידלעך!
און די יינגלעך? גיסן דריידלעך!
איינער קלעפּט פון ליים און וואַקס,

אַ צווייטער דרייט אַ שטריק פון פלאַקס,
אַ דריטער פלעכט, ביים שלעכטן וועטער
רינגעלעך פון לולב-בלעטער!
מען לעזט א מעשהלע דערביי,
און דער אָוונט איז פאַרביי!
און ס׳איז רעכט!
ווינמער-נעכט — גאָרנישט שלעכט!
ווייל אין יאָר האָט יעדע צייט
איר באַשעפטיקונג און פרייד!

לידער און לידלעך

1

דאָס הינטעלע

דאָס קליינע הינטעלע איז דום,
דרייט זיך אַלץ ארום און ארום,
וויל זיין אייגענעם שאָטן כאַפּן
און ער קען אים נישט דערטאַפּן!

2

די ווינט־מיל

באקומט די מיל אַביסל ווינט,
דרייען פליגל זיך געשווינד;
דער בייטל קלאפּט, און געוואָרן
איז אין בייטל מעל פון קאָרן!
באקט פון מעל דער בעקער ברויט,
און פאריאָגט די הונגער־נויט!

3

נ א כ ט

נאכט,
רוקט זיך אָן די נאַכט;
געשטילט
און אין שלייער איינגעהילט
איינזאַם ווערט
הימל און ערד!
עס שיינט,
ערגעץ אַ טויב קריאַת-שמע ליינט.
און זי ברומט
אין דער שטילקייט און פאַרשטומט...
באַנג,
אָן אַ שימער, אָן אַ קלאַנג.

4

די רייזע אַרום דער וועלט

די זון — אַרויס פון נאַכט-געצעלט!
גרייט זיך צום ווייטן ריט
צום ווייטן ריט אַרום דער וועלט.
— זונעלע, זונעלע, נעם אונדז מיט!
שטערנדלעך בעטן אין דער שטיל.

— נישט איך קען, נישט איך וויל —
ברומט די זון — און נישט איך מעג.
עס זענען הייסע, הייסע טעג!

אויפֿן וועג איך זיך צעהיץ
איך אויף אַ פֿייער-וואָגן זיץ !
איך וואָלט אייך, זיסע פֿייגעלעך,
אויסגעברענט די אייגעלעך !

האָבן זיך פֿייגעלעך-שטערנדלעך געווענדט
צו דער לבֿנה!

מיט דער לבֿנה איז קיין סכּנה !
„מיר וואָלטן מיטרייזן געקענט!
שטיל און זאַכט
אין דער קילער נאַכט
ווערט דיין גרויסע רייזע געמאַכט
אַרום דער וועלט!"

דער לבֿנה דאָס געפֿעלט!
זאָגט זי: גוט
און נעמט זיי מיט
און רייזט אַרום די גאַנצע וועלט!

5

האַרבסט

קאַלטע גראָע וואָלקן ציען,
און אוועק פֿייגעלעך פֿליען
צום ווייטן לאַנד! אַהין, אַהין,
וווּ ליכטיק, וואַרעם איז און גרין...
שטיל וועט זיין אָן זאַנג און קלאַנג,
פֿליט אייך, פֿליט, נאָר נישט אויף לאַנג!

אָן אונדז קינדער נישט פאַרגעסט!
און פאַרביי נאָר שניי און פרעסט,
אינעם זעלבן אויגנבליק
קומט צוריק, קומט צוריק!

6

ווינטער

קלאַפּן, קלאַפּן, קלאַפּן,
פון די דעכער אָפּ די צאַפּן,
נאָר אין מויל אַריין נישט כאַפּן!
ווייל עס איז דאָס אייז נישט ריין,
נישט געכאַפּט אין מויל אַריין!

7

אויפן דאַרן צווייגעלע
וואָס שרייסטו אַזוי, דו פייגעלע?
— כ׳בין הונגעריק, כ׳בין הונגעריק,
קיין קערנדל אויף פּיק-פּיק-פּיק!

שפּרינג אַראָפּ נאָר, שפּרינג אַראָפּ,
מיטן שנעבל זוך און גראָב
דיר אַ קערנדל אין שניי,
וואָס ר׳האָט באַהאַלטן דיר געטריי!

8

ווינטערמאַן קלאַפּט אין טיר,
ווינטערמאַן פּויקט אין פענצטער:
פיר ברידער זענען מיר,
איך — דער שענסטער!

און ער זינגט זיין אייגן לויב;
ווינטער איבער אלע צייטן!
ווער נאָך מאָלט אייך אויס א שויב
מיט די זילבערנע קווייטן?

ווער מאַכט ווייס אַ שווארצן דאך?
ווער מיט פוך די ערד באַשיצט7
איז נישט שניי א פיינע זאך?
מיט בריליאַנטן ווער נאָך בליצט?

עס גיט אַמאָל דער ווינט א קוויטש,
און עס ווערט א נעזל רויט!
אָדער ווער נאָך האָט א גליטש?
דאָס קען טרייסטן אין א נויט!

דו רייב נאָר אויס די גליטש מיט שניי
און א גוטן שוסטער מאַך,
לערן דיך קונצן אלערליי,
ווי אַ פויגל פלי און לאַך!

און איז א יינגל נאָר נישט פויל,
איז דער שניי א גרויסער גאָב!

מאַכט אַ מענטשל, מאַכט אַ קויל,
מיט א שליטל בארג אראָפּ!

און אַ דאַגה, גרויסער גאָט!
אַן אָפּענע, א פרייע וועלט,
און אַ חנוכּה וועך האָט
מיטן קליינעם זילבער-געלט?

9

פּריילינג

שפּאַן, שפּאַן!
טראָג זיך אָפּ, דו ווינטערמאַן!
טראָג זיך אָפּ, דו אַכזר איינער,
נאָך דיר בענקען וועט נישט קיינער!

מיט דיין פראָסט
ווי געפּייניקט אונדז דו האָסט!
האָסט די נאָז אונדז אָפּגעפרוירן
און די באַקן, און די אויערן!

צייט, צייט!
דער פרילינג קומט אין גרינעם קלייד!
הערסט, די פייגל: ציר-ציר!
דיך פאַרשיקט מען קיין סיביר!

10

דער פרילינג איז געקומען!
נעמט דעם פרילינג אויף,
מיט א ליד דעם ליבן גאַסט,
טיר און פענצטער מאַכט אים אויף!
קלינג-קלאַנג אין דער לופט,
און פון בלימעלעך דער דופט!

11

גראָז שפּראָצן, ס'שפּראָצן בלומען,
פייגל פּיפּצן, טויבן ברומען,
ס'קלינגט דאָר וואסערל דערפרייט!
פרילינג-צייט! פרילינג-צייט!
עס קלינגט און זינגט, פלוישט און ברומט:
פרילינג קומט, פרילינג קומט!

פרילינג קומט אויף אלע וועגן,
לויפט דעם ליבן גאַסט אקעגן!
לויפט צום וואלד, לויפט צום פעלד,
אומעטום א פרייע וועלט!
עס קלינגט און זינגט, פלוישט און ברומט:
פרילינג קומט, פרילינג קומט!

12

דער פויגל

אויף א בוים אין גרינעם וואלד
א וווּנדערלעכער פויגל שאַלט
טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ!

איז א יינגל צוגעלאָפן,
און דער פויגל איז אנטלאָפן.
טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ!

— וואָס אַנטלויפסטו? — ס'יינגל שרייט, —
נישט געוואָלט דיר טון קיין לייד.
טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ!

כ'בעט דיך, פויגל, פויגל, בלייב? —
און דער פויגל: איך נישט גלייב!
טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ!

13

ציקעלע

מיין ציקעלע אין שטעלעכל
ציטערט מיטן פעלעכל.
באלד פרימאָרגן אויפגעוועקט,
און ווי טרויעריק עס בלעקט
בלע... בלע...

מיין ציקעלע, מיין ציקעלע,
צוקער ווילסט א שטיקעלע?
פון דער האנט עס צוקער לעקט
און נאָך טרויעריקער געבלעקט
בלע... בלע...

ס'האָט מיין ציקעלע דערפילט,
דאָס די זון אין דרויסן שפּילט,

ס׳האָט די זומער־לופט דערשמעקט
און דערום עס טרויעריק בלעקט
בלע... בלע...

אוי, גוט, אוי גוט! איך עפן דיר!
ציקעלע ארויס פון טיר,
ס׳האָט דיין תּפיסה זיך געעקט!
ווי מיין ציקל פריילעך בלעקט
בלע... בלע...

14

רעגן

קינדערלעך, אוי, קינדערלעך!
א רעגנדל גאָר וואונדערלעך,
שמעקעדיקע טרעפּעלעך!
א רעגנדל איז גאָטס גענאָד,
קומט ארויס און טאנצט א ראָד!
מיט בלויזע פיס און קעפּעלעך!

גאָרנישט קלערן, גאָרנישט פרעגן,
קינדער וואַקסן אויפן רעגן,
ווי די בלומען, ווי די זאנגען!
נאַקטע קעפּלעך, נאַקטע פיס,
וואקסט פון יעדן קינד א ריז,
ביזן הימל צו דערלאנגען!

15

ע נ ט ל ע ך

זעט נאָר, זעט, ענטלעך שווימען,
ענטלעך שווימען אויפֿן טייך,
מיט די קעפּלעך אינעם וואַסער,
מיט די עקלעך אינדערהייך!

אַז געננוג זיך אָפּגעבאָדן
און די קעפּלעך אָפּגעטונקט, —
צו דער פֿרישער גרינער לאָנקע
זיך פֿון טייך אַרויסגערוקט!

אויף דער פֿרישער גרינער לאָנקע
מאַכן ענטלעך אַ שפּאַציר,
זיך אַהער, אַהין געוואַקלט
אויפֿן ענטישן מאַניר!

אויף דער טריקעניש צו גיין
איז דאָס ענטל נישט געשיקט
הוש! און באַלד צוריק צום וואַסער,
זיך געבאָדן און געטיקט!

16

ד י ב י ן

בינעלע! בינעלע, קוקט זיך נישט אום!
נאָר זום,זום, זום! זום, זום, זום!
פֿון קווייט צו קווייט געפֿלויגן ראַש,

דאָ א זופּ, דאָרט אַ נאַש!
ס'קעפּל טיף אריינגעשטעקט,
און נאָך אַ טראָפּן אויסגעלעקט...
און פול, — אַהיים געפלויגן ווערט,
און דעם אוצר אויסגעלערט.
דערפון דער האָניק ווערט געמאַכט
אויסגעלערט, נישט לאַנג געטראַכט —
און ארויס: דער טאָג — נאָך גרויס!
און שטענדיק אַלץ: אריין-ארויס!

17

בינעלע, בינעלע — זום, זום, זום!
און פליט ארום פון בלום צו בלום,
פון בלום צו בלום, פון קווייט צו קווייט
און זייגט זיך אויס די פליסקייט.

בינעלע, האָפּ! בינעלע, האָפּ!
שנעל אינעם בעכער אריין מיטן קאָפּ!
דערנאָך אַהיים און האָניק מאַך, —
האָניק איז א גוטע זאך!

18

בינעלע, בינעלע, האָניק מאַך!
נאָר דעם בינענשטאָק באַוואַך!
פאַראַן א בער, פאַראַן אַ בער,
וואָס ער ליבט דעם האָניק זייער!

ווען ער אַ בינענשטאָק דערשמעקט —
אַ שפּרונג! די צונג — אַרויסגעשטרעקט!
פֿלינק אַרויס! בינען, אַרויס!
דעם גזלן שטעכט די אויגן אויס!

19

די טויבן

טייבעלעך פֿליען אין זונען-גלאַנץ...
פֿלעכט זיך, פֿלעכט, טויבנקראַנץ!
שוואַרץ און ווייס, אַראָפּ, אַרויף —
שפּילט אייך, טוקט אייך אָן אַ סוף!

20

טויבן און טויבנשלאַק

ווערט נאָר טאָג אין טויבן-הויז —
פֿליגל קלאַפּן: לאָזט אַרויס!
קוים זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דרימל,
שוין אַ בענקעניש צום הימל!
וווּר, וווּר, וווּר, וואַר, וואַר, וואַר!
לענגער זיצן איז אַ צער!

אויפֿגעמאַכט דעם טויבנשלאַק,
איז אַרויס, האַק און פּאַק!
וויגט זיך, וויגט אין זונען-גלאַנץ,
שטיפֿט און שפּילט דער טויבן-קראַנץ.

פּרו-פּרו-פּרו! פּרו- פּרו-פּרו!
פרײַ די װעלט, דער הימל בלאָ!

געגנוג: דאָס טױבן-האַרץ געקװיקט,
געגנוג אין לופטן זיך געטיקט!
דען די זון שױן אונטערגײט
און קערנדלעך שױן אױפן ברעט!
װײַץ און װיקע! װײַץ און װיקע!
פּיקע-פּיקע! פּיקע-פּיקע!

און צינד אַרײַן, הוש-הוש-הוש!
שיקט די זון דעם לעצטן קוש!
צום הימל נאָך א בליק געכאַפּט,
דער טױבנשלאַק װערט צוגעקלאַפּט!
דורך דער צוגעמאַכטער טיר:
װאַר-װאַר-װאַר! װיר-װיר-װיר!

װערט געפּלױשט, װערט פאַרצײלט,
װו געװען, װו געװײלט,
װאָס אין הימל, װאָס אױף דר׳ערד,
װאָס אַ טױב נאָר זעט און הערט!
ברום-ברום-ברום! ברום- ברום-ברום!
פאַרן שלאָפן א געברום!

21

ל״ג־בעומר

ל״ג-בעומר היינט! ל״ג-בעומר היינט!
הינדעלעך, אַ-לאָ!
ביי די פערדלעך נישט געדרייט זיך!
און דו, שמייסער, וויאָ!

פיל קינדערלעך אין וועגעלע,
ווי דער מאָן אין זאַק!
שמייסער דו, די לייצן נעם
און די בייטש, און קנאַק!

אין דער לופטן — יום-טובדיק,
קיין פערדעלע נישט ריר!
ל״ג-בעומר היינט! ל״ג-בעומר היינט!
מאַכ׳מיר א שפּאַציר.

אַ שפּאַציר אין וואַלד אריין
מיט די פיילנבויגן!
האָבן פייגעלעך דערזען
און אַוועקגעפלויגן!

לאַד־ און שפּאָט־לידער

22

ווו דאָס מייזל וווינט

איך פרעג דאָס מייזל:
ווו איז דיין הייזל?
און דאָס מייזל ענטפערט:
איך האָב נישט קיין סוד פאַר דיר!
נאָר דער קאַץ דו זאָג נישט אויס,
עס וואָלט דערפון קיין גוטס ארויס,
דאָס ווערגעלע ווייסט נאָר כיק!
כאַטש צום גליק
איך בין אַ מייזעלע אַ פלינקס!
זעסטו, דאָרט אין ווינקל לינקס
און דערנאָכטן רעכטס אביסל,
ווו עס שטייט די גרויסע שיסל,
איין טריט גלייך, צוויי טריט קרום
און אין דער ברייט, און קוק זיך אום,
וועסטו זען א טירל קליין,

דאָרטן איז דאָס הייזל מיין!
עס ליגט א בערגעלע דערויף!
א טרעפּ אַראָפּ און דריי אַרויף,
און אויף לינקס נאָך אַ טרעפּל
און דו ביסט אַ גאַסט ביי מיר.
נאָר געדענק, בייג איין דאָס קעפּל,
ווייל ס'איז נידעריק די טיר.

23

דער פראָש

קוואַקעמאַן — דיק און ברייט
מיט דער קיילעכדיקער נאָז,
געמיטלעך זיצט, אָונט-צייט
אויפן פרישן, גרינעם גראָז!
זיצט זיך גלאַנציק ווי אַ לאַק,
זינגט זיך: קוואַ, קוואַקאַ, קוואַק!

א גאַנצן טאָג זיך אָנגעמיט,
איז שוין צייט צום שלאָפן גיין, —
זינגט ער זיך זיין קריאת-שמע-ליד,
און ער מיינט, ס'איז וווּנדערשיין...
און ער בלאָזט זיך, ווי אַ זאַק:
קוואַ, קוואַ, קוואַ! קוואַקע — קוואַק!

ער מיינט, די זון, וואָס אונטערגייט
מיט גרויס געווּנס זיין לידל הערט
און דאָס זי אים נאָך בעסער זעט,
צו דער זון זיך אומגעקערט
מיטן גלאַנציק גרינעם פראַק —
קוואַ, קוואַ, קוואַק! קוואַקע-קוואַק!

24

עטעלע

זאָג מיר, עטעלע, מיין גאָלד,
וואָס האָסטו פיינט, וואָס האָסטו האָלט?
בלייבט זי שטיין, ווי צעמישט,
עטל שווייגט און ענטפערט נישט,
דאָך ווייסן אַלע, ווי מיר שיינט,
וואָס עטעלע האָט ליב און פיינט!

ליב האָט אונדזער עטעלע
צו ליגן לאַנג אין בעטעלע,
פיינט האָט זי נאָר אויפצושטיין,
אויך ביינאַכט דאָס שלאָפן-גיין...

ליב האָט עטעלע צו נאַשן,
פיינט — דאָס פּנימל צו וואַשן.
קנאַקן ניסלעך? גאָר נישט פויל;
פיינט צו שווענקען אויס דאָס מויל!

אויך ליבט זי זייער פּוטער-זעמל
און קען נישט קוקן אָן דאָס קעמל.
לערנען — מאָרגן, נאָר נישט היינט!
דאָס איז אַלעס, ווי מיר שיינט!

25

דער אינדיק און די הינער

דעם עק אויף א פּעכער צעשפּרייט,
אין גלאַנציק-ברוינעם פּעדער-קלייד
מיט שוואַרצע ראַנדן און בענדער פאַרציערט,
די פליגל קורץ און רונדיק
אַן אינדיק
אינעם הויף אַרומשפּאַצירט.
פון צייט צו צייט אַן אויסגעשריי:
הול-הול-הול — הולדעריי!

קומט ער פאַר אַן עולם הינער פאַרביי.
„קוואַקע, קוואַקע! דער אינדיק ווייסט:
אַ „קוואַקע-קוואַק!" — „גוט-מאָרגן!" הייסט
אויף הינער-שפּראַך.
אָבער נישט זיין זאַך!
קיין מינע געענדערט
און ווייטער געשלענדערט:
פון צייט צו צייט אַן אויסגעשריי:
הולדעריי, הולדעריי!

נישט אָן קינאה הינער זאָגן:
אַן אמתער אַריסטאָקראַט;
אים א ליאַדע-וואָס פאַרשאַדט,
איז ער שטענדיק חולה-מאָגן!
און א גרייס, און א וואָג!
נישט קיין עוף אויף יעדן טאָג!
נישט קיין ליאַדע-וואָס — אַ יאַיכל!

דאָס איז א פּסחדיק מאַכל!
און מען פּילט נאָך אָן דעם קראָפּ!
גייט מען טאַקע אַרום מיטן בלויזן קאָפּ,
און מען הייבט אים וואָס העכער!
האָט מען אויפן עק א פּעכער
און אָנגעבלאָזן דערביי!
און מען רעדט פראַנצויזיש,
אינדיאַניש צי כינעזיש:
הולדעריי, הולדעריי!

26

קרייערמאַן און זיין ווייבער־שיל

(אַ וואָכעדיקער ניגון)

עס איז דער הויף מיט הינער פול,
עס דאַוונט פרום די ווייבער־שיל;
פאַרן עמוד — קרייערמאַן.
(עס איז קיין אַנדערער פאַראַן:
ער לאָזט קיין צווייטן אויף דער שוועל!)
אַ וואָכן־טאָג גייט עס שנעל:
קוקעריקו, קוקעריקו!
ענטפערט שנעל דער ווייבער־שאָק:
קוואָקע־קוואָק! קוואָקע־קוואָק!

(אַ ש ב ת ד י ק ע ר)

שבת גאָר אַן אַנדער זאַך!
שויים פּעטע און א סך!
לאָקשן, פאַרפל און א יויך,

אַמאָל אַביסל פלוימען אויך!
דער רויטער קאַם — נאָך מער צעבליט,
און ווי בינעימותדיק ער ציט:
קוקערי—קו—ו—ו... קוקערי—ק—ו—ו—ו
און אויך אזוי דער ווייבער-שאָק:
קוואָקע-קוואָקע, קוואָקע-קוואָ-אָק!

(יום-טוב-ניגון)

קומט א יום-טוב, מן-הסתם
בליט נאָך רויטער אויף דער קאַם.
און דאָס העלדזל אויסגעשטרעקט,
ווייל פון קיך דער צימעס שמעקט,
ועט זיין אַ יום-טובדיקער פיק!
און געהויבן יום-טובדיק:
קוקערי—קו—ו—ו... קוקערי—ק—ו—ו—ו
און אויך אזוי דער ווייבער-שאָק:
קוואָקע-קוואָקע-ע-ע, קוואָקע - קוואָק!

(ימים-נוראימדיק)

אלול-צייט, אז ס׳קומט פאַר דאָס,
און דער שופר גיט אַ בלאָז:
תקיעה, תרועה! אוי, אַ צרה!
מ׳קען דאָך ווערן די כפרה!
מיט די ווייבער! לאָזט זיך הערן
אין דער שטימע שרעק און טרערן:
קוקערי-קו-ו-ו.. .קוקערי-ק—ו—ו—ו
אזוי אויך דער ווייבער-שאָק:
קוואָ-קוואָקע-קווא, קוואָ-קוואָקע-קוואָק!

27

דאָס מייזל אין וואַסערמיל

די מיל, זי רוישט,
דאָס וואַסער פּלוישט
און יאָגט און טרייבט,
ס׳ראָד קיין רגע שטיל נישט בלייבט.
און דער בייטל קליפּ-קליפּ-קלאַפּ!
אַהין אַ כאַפּ, אַהער אַ כאַפּ!
דאָס געביי: קראַך-קראַך-קראַך!
פונעם פונדאַמענט צום דאַך!
און דער מילנער טרייבט די לייט
צו דער אַרבעט, ברומט און שרייט!
נאָך דאָ אַ הונט: האַו, האַו,האַו!
און אַ קאַץ: מיאַו, מיאַו, מיאַו!
זי שפּייט, דער הונט — אַ שפּרונג צוריק!
אַ חברה הינער: פּיק-פּיק-פּיק!
אַשאַ! אַשאַ! דער מילנער שרייט,
הינער-עולם! פליגל שפּרייט!
מען פליט אַרויס, צו צווייַ, צו דרייַ!
אַן אינדיק שפּאַנט: הולדערייַ!
הולדערייַ! וויל געבן אַ לעק,
דערזעט דעם הונט און אַפּ פאַר שרעק!
שוועלבעלעך — פּיק, פּיק, פּיק!
הוש-הוש-הוש! און אויך צוריק!
אין אַ לעכל, אין דער מיל,
אַ מייזל-קליין פּיפּצט זיך שטיל,
די וואַסער-מיל, זי מאַכט עס טויב,

אין נעזל קראַצט פון מעל דער שטויב,
און קען פון לעכל נישט אַרויס
דאָס געפּילדער איז צו גרויס!
און דער עיקר — הונט און קאַץ!
דער — אַ ביס און די — אַ קראַץ!
עס האָט דאָס מייזעלע קיין גליק!
נאָר „אַפּטשיק!” און „אַפּטשיק!”

28

קאַץ און מויז

די קאַץ איז אין שטוב אַליין,
ליגט אויפן קוימען, לעקט זיך און וואַשט:
אַ ווייסע קאַץ קוים עפּעס גענאַשט —
לעקט זי זיך אָפּ און וואַשט זיך ריין...
אָפּגעלעקט און אויסגעצויגן,
מיט נחת פינקלען אירע אויגן;
מען וועט דערקענען? — וועט זי שווערן!
(וועט מען דאַרפן — פעלט קיין טרערן)!
„איך געקעכץ?!
כ׳זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין שלעכטס!
דאָס איז פאַר מיין שוואַך מעגעלע סם!
ס׳הינטל, מן-הסתם!
טפו, טפו! — וועט טון אַ שפּיי,
און מיטן קעפּל: אַיי, אַיי, אַיי,
וואָס אַ בייז הינטל קען!
נישט צו באַשרייבן מיט קיין פען!”

אַזוי דאָס אַטלעס-ווייסע קעצל טראַכט.
פּלוצלינג — אין אויג אַ פינקל!
פון ערגעץ — אַהאַ! פון רעכטן ווינקל! —
האָט אַ מייזל שטיל אַ פּיפּץ געמאַכט!
אַלזאָ, איז עס דאָרט?!
און אויפסניי זיך באַלעקט
און אַראָפּ פון הויכן אָרט
צום ווינקל-צו זיך אויסגעשטרעקט
אַביסל אויף דער זייט, אַביסל קאַפּויער,
און אויסגעשפּיצט דאָס אויער!
„פּיפּץ" — דאָס אויער האָט נישט גענאַרט,
ליגט די קאַץ שטיל, פאַרשטאַרט,
און וואַרט:
דאָ וועט עס זיין צווישן די שפּאַלטן!

ליגט, דעם אָטעם איינגעהאַלטן,
אַ מינוט, צוויי, אפשר נאָך, —
קיין צייכן מער פון מייזן-לאָך...
„דערפילט"!
מאַכט זיך צערטלעך, האַרציק-שטיל:
„מייזעלע שפּאַצירן וויל"?
און עס שפּילט
איר אַ האַרפע אין דער קעל!
„מייזעלע וויל צוקער-מעל?!
אויף דער דיל איז אויסגעשיט!"
ס'מייזל-לעכל ענטפערט נישט!
גייט, ווי פון אַ טויבן-האַרץ אַ ברום:
מייזעלע, שפּאַצירן קום!
אַ זון — אַ מחיה!

— ווערסט נישט פועלן, ווילדע חיה! —
פּיפּצט מען איר פון מייזן־לאָך:
ערשט גענאַשט, ווילסטו נאָך?
און מען לאַכט: קראַץ־ווערגעלע
וויל כאַפּן אָן ביים גערגעלע? —
א פייג, א פייג!
אַלטע חונפּטע, פאַרשווייג!
און די קאַץ: „חס־ושלום!
נישט קיין פּיתרון, נישט קיין חלום!
כ׳עם קיין פלייש, גאָט ווייס, ווי לאַנג!
ווייסט איר דען נישט, איך בין קראַנק!
איר ווייסט נישט? ניין?
קומט און זעט: הויט און ביין!
און אין האַרץ שטעכט אזוי!
אוי־אוי־אוי! אוי־אוי־אוי!
איך אַליין שוין שטאַרבן וויל!"
און מייזל־לעכל ווערט שוין שטיל...
הערט די קאַץ נישט אויף צו קלאָגן:
„זאָל עמעץ מיט מיר ווידוי זאָגן!
כ׳הויך דאָך די נשמה אויס!"...

פון לעכל קיינער קומט ארויס...
א מיצווה וואָלט געווים געווען...
דאָך קיינער וואגט ארויסצוגיין...
א רחמנות, דאָך אַ קאַץ!
אַ געפאר אויך, ווען זי עקט!
גוסעט, — און זי גיט אַ קראַץ,
שוין א מייזל — אויסגעשטרעקט!

די קאָמעדיע ווערט געשטייגערט:
— קומט, דערלעבט כאָטש א נקמה!
ס׳איז אייער קאַץ געפּגרט!
נישט איך רייד, נאָר מיין נשמה!
ברענג מיר כאָטש צו דער אדמה!
כ׳האָב געזינדיקט, איך ווייס אַליין,
נאָר וואַרפט מיך נישט אין מיסט אַריין!

דאָס מייזן-הארץ, עס האַלט נישט אויס,
אַלע — אַרויס!
אַ לוויה מאַכן, אַ קבר גראָבן!
א מייזל וויל א מיצווה האָבן!
און מען זעט דאָך: אויסגעשטרעקט!
ווירקלעך, ס׳האָט די קאַץ געעקט!
פאָרט א נפש, פאָרט א שאָד!
מען מאַכט ארום דער קאַץ א ראָד,
מען מאַכט דאָס רעדל ענג און ענגער,
און מיט א זיפץ און מיט אַ טרער...
אונדזער קעצל ווארט נישט לענגער,
א שפּרונג אַהין, א שפּרונג אַהער...
וואָס האָט איר, קינדערלעך, צו זאָרגן, —
אוודאי מייזלעך צ׳ן דערוואָרגן!

און איר, קינדערלעך, פאַרשרייבט
אין די העפטן אייך דעם זאַץ:
קיין פרומער קאַץ
נישט געגלייבט!

29

פיר צייטן אין יאָר

פרילינג, זומער, האַרבסט, ווינטער.

(פאָרשטעלונג)

כאָר:

פיר זין האָט אונדזער ערד;
זיי גייען נישט צוזאמען!
איינער נאָכן צווייטן קומט
און באזוכט די מאַמען...

עס באַווייזט זיך „פרילינג" — מיט א גרינער צווייג אין האַנט; (גרינער אָנצוג מיט בלומען אויסגעצירט, א קרענצל פון פרי־מאַווערעס אויפן קאָפּ).

זעט, זעט,
דער ערשטער ברודער, פרילינג, גייט!

פרילינג:

איך בין א לוסטיקע זאך,
ווייל איך אַלעם לוסטיק מאַך —
די מוטער - ערד פרייד באַדאַרף!
כ׳מאַך די וואסערן שפּרינגענדיק,
כ׳מאַך די פייגעלעך זינגענדיק,
און מיט בלומען אַלץ באַוואַרף;

דאָך, איך האַק שוין אָפּ מיין ליד,
ווייל איך הער מיין ברודערס טריט!

(אָפּ. עס באַווייזט זיך „זומער". — אויפן קאָפּ א רויזן־קראַנץ; דער זעלבער בלומען־אָנצוג, נאָר פיל בונטער, מיט גאָלדענע עפּל דאָ צווישן).

כ אָ ר:

זעט, זעט!
דער צווייטער ברודער — זומער גייט!

ז ו מ ע ר:

איך בין א רייכער מאַן!
וויפל גאָלד ביי מיר פאַראַן!
ביימער־שטאַמען — גאָלדענע שטאַנגען!
און אויף די פעלדער — גאָלדענע זאַנגען,
גאָלדיק איז דער וואָלקן־זוים,
גאָלדענע פרוכטן טראָגט דער בוים,
די זון מיט גאָלד פון הימל גיסט, —
איבעראל גאָלד נאָר פליסט!
דאָך, איך האַק שוין אָפּ מיין ליד,
ווייל איך הער מיין ברודערס טריט!

(אָפּ, עס באַווייזט זיך „האַרבסט", א זאַטער, א בייכיקער, א קראַנץ פון געלע בלעטער מיט גאָלדענע ראַנדן אויפן קאָפּ; אין איין האַנט — א קירבעס, אין דער צווייטער — א בינטל טרויבן).

כ אָ ר:

זעט, זעט
האַרבסט — דער דריטער ברודער גייט!

ה א ר ב ס ט:

איך דארף קיין בלומען און קיין גאָלד,
עפּעס אַנדערש האָב איך האָלד!
בלומען, קווייטן, — צו וואָס? נאָך וואָס?
כ׳בין א סטאַטעק — אַ באַלעבאָס!
איך מאַך בעסער!
אויבסן אַלערליי אין פעסער
קרויט און גורקן — איינגעזייערט,
תבואות אַלערליי — געשייערט;
עופות אַלערליי, וואָס פעטער!
איך בין אַ גוט - פארזאָרגטער מאַן!
גאָלד אַביסל — אויך פאַראַן!
אויף די ראַנדן פון די בלעטער!
דאָך, איך ענדיק שוין מיין ליד,
ווייל איך הער מיין ברודערס טריט!

(אָפּ. עס באַווייזט זיך ווינטער, אין אַ ווייס העמד, ווילד, די האָר צעשויבערט, געלע, בלויע הענט און פיס).

כ אָ ר:

זעט, זעט!
דער לעצטער גייט! ווינטער גייט!

ו ו י נ ט ע ר:

ווי איר זעט מיך, אין איין העמד,
און צעשויבערט, נישט פארקעמט,
קען איך אייך נאָר קראַפט באַווייזן, —
ווו איר כאַפּט מיך אָן — אן אייזן!
יעדעס גליד!
און דאָס אייזן ברענט און גליט!

און ליג דערביי
אויפן גרעסטן פראָסט און שניי
אין העמד, מיט בלויזע הענט און פיס!
און ווערט מיר מיאוס,
און ווערט מיר קיל,
הייב איך אָן מיין ווינטער - שפּיל!
צעלויף איך זיך און מאַך א ווינט,
לויף איך האַסטיקער, — א שטורעם
און קער דעם שניי פון דאך און טורעם,
און הייב א שטויב און מאַך אייך בלינד,
מיט א ווייסן שטויב פון שניי!
און בלאָז דערביי
אויף אינסטרומענטן אַלערליי!
אַ באַנדע מוזיקאנטן ציט!
און ווער איך מיד,
שטיל, מוזיק!
כ'לייג מיך אויפן שניי צוריק,
שטומען אלע מוזיקאנטן!
און בין אויך רייך! כ'האָב בריליאנטן!
אָבער זאמלען איז מיר פרעמד;
איך האָב קיין טאַשן נישט אין העמד!
דאָך איך ענדיק שוין מיין ליד!
אַ ווארעמקייט פון ערגעץ ציט!
איינגעהייצט! מענטשן פיל!
שוין, געענדיקט האָט מיין שפּיל!

כ אָ ר :

עס איז וואָר! עס איז וואָר!
זיך באַנייען וועט דאָס יאָר!

פארשידנס

30

דער טענענבוים אָדער די שבועה

אָ טענענבוים, אָ טענענבוים!
ערלעך ביסטו און געטריי,
דען גרין ביסטו נישט נאָר אין מאַי, —
אויך ווינטער-צייט — אין פראָסט און שניי!

אַלץ האַלטסטו אויס, אָ טענענבוים!
דעם ווינטער לאָזט דער ווינט געריסן:
כ׳האָב אַלע ביימער-קעפּ געשמיסן
און אַלע בלעטער אָפּגעריסן!

ווינט! נאָר נישט דעם טענענבוים!
דער טענענבוים שטייט פעסט און גראד,
אים האָט, איר ווינטן, נישט געשאדט, —
ר׳האָט אַלע נאָדלען ווי געהאט!

אָ טענענבוים, אָ טענענבוים;
כ׳ליב דיך, טענענבוים, און זער!
צו זיין, ווי דו — איז מיין באגער,
און וועל זיין, ווי דו, איך שווער!

כ׳וועל זיין, ווי דו, אָ טענענבוים!
די בעסטע צייט, די ערגסטע צייט, —
קיינמאָל איך די פארב פאַרבייט,
און בין, ווי דו, אויף אַלעם גרייט!

31

אַ גרוס פון טאַטן

איך גיי אַרוים פאַר דער טיר,
פליט א פייגעלע אַראָפּ צו מיר,
א קליין פייגעלע פליט אראָפּ
און עס שטעלט זיך פאַר מיר אָפּ!

ס׳פייגעלע — מיר אומבאַקאַנט, —
א פייגעלע פון ווייטן לאנד!
עס האָט פאַר מיר אַ קניקס געמאַכט,
פון טאַטעשי אַ גרוס געבראכט!

דער טאטעשי גריסט און קושט...
— אָ פייגעלע, צי ווייסטו נישט,
ווען זיין קינד ער צו זיך נעמט?
זאָג אים, דאָס מיין הערצל קלעמט...

פלי און זאָג אים, פייגעלע קליין,
אַז איך בענק נאָך אים אין איין,
אַז דער מאמען איז אויך שלעכט
און זי וויינט אויך גאַנצע נעכט!

32

דער יתומהם בריוועלע

דער מאַמען שרייבט איר איינציק קינד,
כאַפּ עס אויף, דו ליבער ווינט!
און טראָג אַרויף אויף יענער וועלט
צו דער מאַמעשים געצעלט...

נישט צו טרינקען, נישט צו עסן,
און זיי הייסן דיך פאַרגעסן!
שלאָפן אויף אַ האַרטן קאסטן...
איך קען שלאָפן, איך קען פאסטן...

און די שווערסטע לאסטן טראָגן,
לאָזן זיי נאָר מיך נישט שלאָגן,
מאַמע מוטער, מאַמע מוטער!
אוי, זיי שמייסן מיך מיט ריטער...

זיי ווילן מיך נאָר וויינען הערן,
און איך, מאמע, האָב קיין טרערן,
ליג איך, מאַמעשי, און ציטער
איז מיר ביטער, מאַמע מוטער!